# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

שמיני

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל


פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com


באקומט די גליונות וועכענטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com


מכון באר האמונה

**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**



© 2026 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגענע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פרשת שמיני


וידום - אַנשטאָט צו וויינען וועל איך זיך שטאַרקן מיט אמונה און דאַנקן דעם באַשעפער ............ ד

ויקרבו כל העדה - גוטע מידות זענען די יסודות אויף וועלכע די גאַנצע תורה איז געבויט ............ י

חסל סידור פסח - צובינדן דעם יו"ט צו זיך ............ טו

כמו שכתוב בתורה - זיך שטאַרקן מיט לימוד התורה אין די ספירה-טעג............ טז


**ספה"ק בת עין**

**וְהוּא גֵּרָה לֹא יִגָּר אבער די עסנווארג וואס ווערט געשלעפט [גֵּרָה] טוט ער נישט שלעפן [לֹא יִגָּר].**

**וְאִיתָא בְּסֵפֶר אוֹר הַחַיִּים** (עה"פ) **תְּנַאי הוּא בַּדָּבָר** און ס'שטייט אין אוֹר הַחַיִּים הקדוש אויף די פסוק אז די תורה זאגט אונז דא א תנאי, **כָּל זְמַן שֶׁהוּא לֹא יִגָּר** אז ווי לאנג די חזיר איז נישט מעלה גרה טאר מען אים נישט עסן, **אֲבָל לֶעָתִיד לָבֹא יַעֲלֶה גֵּרָה וְיַחְזוֹר לִהְיוֹת מוּתָּר** אבער לֶעָתִיד לָבֹא ווען משיח וועט קומען און דער חזיר וועט צוריק אנהייבן צו זיין מעלה גרה וועט עס צוריק ווערן מותר.

**כְּמַאֲמַר חֲזַ"ל לָמָּה נִקְרָא שְׁמוֹ חֲזִיר** אזוי ווי חז"ל זאגן פארוואס ווערט עס אנגערופן מיטן נאמען 'חֲזִיר', **שֶׁעָתִיד לַחֲזוֹר לִהְיוֹת מוּתָּר** ווייל די ווארט 'חֲזִיר' איז טייטש צוריקערן און די חֲזִיר גייט זיך צוריקערן און ווערן מותר.

**וּלְהָבִין זֶה עַל דֶּרֶךְ עֲבוֹדָה לַה'** און צו פארשטיין די ענין אויף א וועג פון עבודת השם, **דְּהִנֵּה עִנְיַן הַחֲזִיר שֶׁמַּרְאֶה טְלָפָיו שֶׁהוּא כָּשֵׁר** (בר"ר סה, א) ווייל די ענין פארוואס דער חֲזִיר ווייזט זיינע פיס אז עס האט כשר'ע סימנים און אז ער איז כשר.

**פֵּירוּשׁ שֶׁיֵּשׁ בְּנֵי אָדָם שֶׁמַּרְאֶה אֶת עַצְמוֹ לִבְנֵי אָדָם בַּחֲלַקְלַקּוֹת לְשׁוֹנוֹ אֵיךְ שֶׁהוּא אוֹהֲבָם** דאס מיינט אז עס איז דא מענטשן וואס ווייזן זיך מיט זייערע געשליפענע צונג פאר אנדערע מענטשן ווי אזוי ער איז זייער פריינד, **אֲבָל לִבּוֹ בַּל עִמָּהֶם** אבער זיין הארץ איז נישט מיט זיי.

**וְהוּא בְּחִינַת הַחֲזִיר** און ער איז אין די בחינה פון א חֲזִיר, **שֶׁמַּרְאֶה בְּחִיצוֹנִיּוּת שֶׁלּוֹ לְפָנִים שֶׁהוּא טוֹב וְכָשֵׁר וּמַפְרִיס פַּרְסָה** וואס דער חֲזִיר ווייזט זיך פון דרויסן אז ער זאל אויסזעהן גוט און כָּשֵׁר און אז ער האט געשפאלטענע קלאען, **אֲבָל 'גֵּרָה לֹא יִגָּר'** אבער די תורה זאגט אונז אז דער מענטש טוט נישט מַעֲלֶה גֵּרָה זיין און טוט נישט ארויפברענגען די עסן, **הַיְינוּ בְּחִינַת פְּנִימִיּוּת שֶׁלּוֹ בְּלֵב וְנֶפֶשׁ אֵינוֹ כֵּן** דאס מיינט צו זאגן אז אינווענדיג אין זיין הארץ און נפש איז ער נישט אזוי ווי ער ווייזט זיך פונדרויסן, **אֶלָּא הוּא שׂוֹנְאוֹ** נאר ער האט אים פיינט.

**וְזֶהוּ עִיכּוּב הַגְּאוּלָּה** און דאס טוט צוריקהאלטן די גאולה, **שֶׁאֵין בֶּן דָּוִד בָּא עַד שֶׁיִּטָּהֵר הַחֲזִיר** ווייל בֶּן דָּוִד (משיח) קען נישט קומען ביז די חֲזִיר וועט ווערן טָהוֹר און מותר, **הַיְינוּ שֶׁיַּעֲלֶה גֵּרָה** דאס מיינט אז ס'וועט ווערן מַעֲלֶה גֵּרָה, **וְיִהְיֶה פְּנִימִיּוּת לִבּוֹ כְּמוֹ שֶׁמַּרְאֶה בִּטְלָפָיו** און ער וועט זיין אינעווענדיג אין זיין הארץ אזוי ווי ער ווייזט פון דרויסן מיט זיינע קלאען. **(פרשת שמיני ד"ה והוא גרה לא יגר)**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# פרשת שמיני

**וידום - אַנשטאָט צו וויינען וועל איך זיך שטאַרקן מיט אמונה און דאַנקן דעם באַשעפער**

**'ותצא** **אש מלפני ה' ותאכל אותם וגו' וידום אהרן'** (י, א-ג).

די תורה קומט אונז דאָ לערנען, וועגן די חשיבות פון אָננעמען די הנהגה פון דעם אויבערשטען מיט ליבשאַפט, יעדער מענטש אויף זיין אופן, ווען עס דאַכט זיך אים אַז מ'פירט זיך מיט אים פון הימל מיט מדת הדין ח"ו, דאַרף ער דעמאָלס וויסן קלאָר אַז אַלעס איז רחמים און חסדים בתכלית האמת[א], דער אויבערשטער פירט אים אויפ'ן ריכטיגן וועג אין יעדע צייט[ב], נאָר וואָס דען, דער מענטש איז נישט אימשטאַנד צו פאַרשטיין אַפילו אַ משהו פון דעם אויבערשטען'ס הנהגה אויף דער וועלט[ג].

---

**א.** מיר האָבן געהערט פון דעם בעל המעשה, אַ זאַך וואָס האָט פּאַסירט פאַריאָר, חול המועד פסח תשפ"ה. אַ קינד פון אַ יאָר אַלט, האָט זיך געשפּילט מיט אַ גלאָזערנעם פלעשל 'גרעיפּ דזשוס', און ער האָט צעבראָכן דאָס פלעשל. איין שטיקל גלאָז איז אַריין אין מויל פונעם קינד, און ער האָט זיך צעשניטן די צונג. מ'האָט גערופן 'הצלה', און נאָך דעם ווי דער 'הצלה' מאַן האָט אים באַהאַנדלט, האָט ער געזאָגט אַז ער זעט נישט קיין גרויסן שאָדן פאַר די צונג. דערנאָך האָט ער אָבער געזאָגט צו די עלטערן, אַז דעם קינד'ס אָטעמען געפעלט אים נישט. ער טוט זיי דעריבער ראָטן זיי זאָלן שנעל אַריבערפאָרן מיט'ן קינד אין שפּיטאָל, און זען מ'זאָל דאָרט מאַכן 'עקסרעי' טעסטן.

לכתחילה, האָבן די עלטערן פּרובירט אָוועקמאַכן די ווערטער פון דעם 'הצלה' מיטגליד, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס. ער האָט געזאָגט צו די עלטערן, 'איר זענט נישט קיין 'מבינים' אויף דעם, אָבער איך, אַלס 'הצלה', פאַרשטיי איך אַז דאָס קינד אָטעמט עפּעס נישט געהעריג'. האָבן די עלטערן גענומען דאָס קינד אין שפּיטאָל, וואו מ'האָט אַדורכגעפירט טעסטן אויף דעם קינד, און מ'האָט אַרויסגענומען פון זיין 'קנה' אַ מטבע פון צען צענט... די דאָקטוירים און 'נוירסעס' האָבן געזאָגט, אַז אויב דאָס קינד וואָלט געשלאָפן ביינאַכט מיט די מטבע אינעם 'קנה', וואָלט ער חלילה נישט אויפגעשטאַנען אַ לעבעדיגער אינדערפרי.

פון די מעשה זעען מיר, אַז מ'טאָר זיך נישט אָפּרעדן אַז דאָס פלעשל האָט זיך צעבראָכן, און די צונג האָט באַקומען אַ שניט, ווייל **דאָס האָט גראַטעוועט דאָס לעבן פונעם קינד...**

**ב.** הרה"ק בעל 'מראה יחזקאל' זי"ע זאָגט (אָנהייב פרשת בשלח), אַ כוונה אין די שאלה וואָס מ'פרעגט ביים בית דין של מעלה (שבת לא.) **'צפית לישועה'** - האָסטו געהאָפט אויף די ישועה. איז שווער, וועלכער איד קוקט דען נישט אַרויס אויף די ישועה? אויך שווער, פאַרוואָס זאָגן חז"ל נישט דאָס לשון **'קוית'**, אָדער **'חכית'** לישועה.

ענטפערט דער 'מראה יחזקאל', 'צפית' איז אַ לשון פון זען (פון לשון 'צופה הייתי'). **מ'וועט משפט'ן דעם מענטש אויב זיין אמונה און בטחון איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט געזען די ישועה, נאָך איידער עס איז געקומען...**

הגה"צ רבי נתן מאיר וואַכטפאָגעל זצ"ל, דער משגיח פון דער ישיבה 'בית מדרש גבוה' אין לעיקוואוד, האָט נאָכגעזאָגט ('קובץ שיחות', ח"א, נז) אין נאָמען פון דעם גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע, אַז ווען מ'פרעגט דעם מענטש ביים בית דין של מעלה 'צפית לישועה', מיינט מען נישט נאָר צו פרעגן אויב ער האָט אַרויסגעקוקט אויף די ישועה פונעם כלל, נאָר מ'פרעגט יעדן איינעם וועגן זיינע פּריוואַטע ענינים, אויב ער האָט זיך טאַקע שטאַרק פאַרלאָזט אויף דעם אויבערשטען. צי ער האָט ביי יעדע צרה אַרויסגעקוקט אויף די ישועה.

**ג.** הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע האָט געזאָגט: **"'א-ל אדון על כל המעשים' איז דער תירוץ אויף אַלע קשיות..."**

דאָס מיינט, אַז אַלעס איז מיט אַ געגוינען חשבון פון הימל. (ספר 'תורת אבות', שבת, אות קמא)

מיר האָבן ערשט געזאָגט אין די הגדה של פסח, די פיר קשיות, און דערנאָך ענטפערט מען איין תירוץ אויף אַלע קשיות: 'עבדים היינו לפרעה'. פרעגן די ספרים, ווי אַזוי ווערן מיט די 3 ווערטער, פאַרעפענט אַלע פיר קשיות?

אַזוי שרייבט דער 'מנורת המאור' (פ"ד), אַז דער מענטש וואָס האָט שכל[ד], נעמט אָן זיינע יסורים מיט אהבה[ה], און ער שווייגט אין צייט פון אַ צרה, אַזוי ווי דער נביא זאָגט (עמוס ה, יג) 'והמשכיל בעת ההיא ידום'. אויך זאָגט דער פסוק (איכה ג, כח) 'ישב בדד וידום כי נטל עליו', עכ"ל.

---

איז דער תירוץ פשוט, אַז מ'זאָגט פאַר דעם מענטש וואָס ער פרעגט די קשיות, **אויב דו ווילסט וויסן פאַרוואָס דו האָסט אַזוי פיל קשיות, איז דער תירוץ, ווייל דו רעדסט דיר איין אַז פרעה האָט עס געטוהן. אַזוי לאַנג ווי דו דרייסט זיך אַרום מיט אַזעלכע געדאַנקען, וועסטו האָבן אַסאַך קשיות... אָבער אין דער מינוט ווען דו וועסט גלייבן אַז אַלעס טוט דער אויבערשטער, 'הוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים'. נישט ראובן האָט צוגענומען פון דיר, און נישט שמעון האָט דיר גורם געווען אַ שאָדן, און אַזוי ווייטער, וועסטו ממילא נישט האָבן קיין שום קשיות אויפ'ן באַשעפער, ווייל דו וועסט וויסן אַז אַלעס איז מיט אַ געניוען און פונקטליכן חשבון.** דער אויבערשטער מיינט שטענדיג נאָר דיין טובה.

אויף אַזאַ אופן, וועט דער מענטש נישט נאָר אויפהערן **פרעגן** קיין קשיות, נאָר ער וועט אינגאַנצן נישט **זען** דאָ אַ קשיא...

## מן הבאר

אויפ'ן פסוק אין תהלים (ד, ט) 'בשלום יחדיו אשכבה ואישן כי אתה ה' לבדד לבטח תושיבני', זאָגט דער 'מצודות דוד', עס פאַסירט אָפט מאָל אַז דער מענטש קען מקיים זיין '**אשכבה**' - ער לייגט זיך שלאָפן, אָבער ער קען נישט מקיים זיין ווי געהעריג '**ואישן**', ווייל ער ליגט טאַקע אין בעט, אָבער זיינע דאגות לאָזן אים נישט שלאָפן... ער זאָרגט וועגן דעם מאָרגענדיגן טאָג, דאגות פון 'בני', 'חיי', אָדער 'מזוני'. ער טראַכט, ווי אַזוי וועט ער דעקן דעם חשבון אין באַנק, אָדער ער האָט מורא פונעם 'באָס', אָדער אַ קראַנקהייט וכדומה. אָבער אויב דער מענטש פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטען, ער ווייסט אַז '**כי אתה ה' לבדד לבטח תושיבני**', טוט ער דאָך אַרויפוואַרפן אַלע זיינע זאָרגן אויפ'ן באַשעפער, און אַזוי קען ער איינשלאָפן אָן שטערונגען.

לויט דעם, קען מען אויך זאָגן אַ רמז אין די ווערטער פונעם מחבר אין שולחן ערוך (אורח חיים סי' תפ"א, ס"ב) אַז מ'איז מחויב פסח ביינאַכט, צו רעדן וועגן די הלכות פון דעם יום טוב פסח, און וועגן סיפור יציאת מצרים, דערציילן וועגן די וואונדערליכע ניסים וואָס דער אויבערשטער האָט באַוויזן פאַר אונזערע עלטערן '**עד שתחטפנו שינה**' - ביז עס וועט אים אָנכאַפּן דער שלאָף.

קען מען זאָגן אַ רמז, אַז דאָס מיינט, אַז מ'דאַרף מקיים זיין די מצוה פון סיפור יציאת מצרים אַזוי לאַנג, ביז דאָס האַרץ וועט זיין פול מיט אמונה און בטחון אין דעם אויבערשטען, 'שתחטפנו שינה' - ער וועט קענען שלאָפן רואיג...

דער גאון בעל 'דרכי דוד' זצ"ל, האָט ליידער פאַרלוירן אַ זון בחייו ל"ע. ווען ער איז אויפגעשטאַנען פון די 'שבעה' איז ער צוריקגעקומען אין ישיבה, און ער האָט פאָרגעזעצט צו זאָגן זיינע שיעורים פאַר די תלמידים, אַזוי ווי פריער. אינמיטן שיעור, האָט אַ תלמיד געפרעגט אַ קשיא אויף אַ געוויסן תוספות. האָט דער 'דרכי דוד' אים געזאָגט: '**אַז מען פאַרשטייט נישט, איז דאָס קיין קשיא נישט**'.

ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַ חסרון אין פאַרשטאַנד, איז נישט אין גדר פון אַ 'קשיא'. נאָר ווען מ'פאַרשטייט די ווערטער פון תוספות, נאָר עס איז אים עפּעס שווער אויף זייערע ווערטער, איז עס אין גדר פון אַ קשיא.

דערמיט האָט ער געוואָלט מרמז זיין פאַר זיך אַליין, אַז דער מענטש פאַרשטייט נישט די הנהגה פון דעם אויבערשטען. ער קען נישט משיג זיין דעם אויבערשטען'ס הנהגה, און ממילא, ווי אַזוי קען ער האָבן קשיות אויף דעם אויבערשטען. ער איז דאָך נישט בכח צו פאַרשטיין, און ער דאַרף נישט מער ווי גלייבן אין דעם באַשעפער.

**ד.** על דרך משל, איינער פון די פּאַסאַזשירן אויף אַן עראָפּלאַן, איז אַריינגעגאַנגען אינעם צימערל וואו עס זיצט דער פּילאָט וואָס פירט דעם עראָפּלאַן. דאָס קליינע צימערל איז פול אין יעדן ווינקל, מיט פאַרשידענע סאָרטן קנעפּלעך. יעדעס קנעפּל האָט אַן אַנדערן ציל. איין קנעפּל האָט דעם ציל צו פירן דעם עראָפּלאַן, איין קנעפּל מאַכט לעכטיג. יעדעס קנעפּל איז אַהערגעשטעלט מיט אַ וואונדערליכע חכמה. איז דער פּאַסאַזשיר שטאַרק

נתפעל געוואָרן פון אַלעם וואָס ער האָט דאָרט געזען, און ער האָט אָנגעוויזן פאַר דעם פילאָט אויף איין קנעפל, וועלנדיג וויסן וואָס פאַסירט אויב מ'גיט אַ קוועטש אויף דעם קנעפל. האָט דער פילאָט אָפּגעלאַכט פון אים און געפרעגט: **די פאַרשטייסט שוין דעם ציל פון אַלע אַנדערע קנעפלעך, אַז דו פרעגסט מיך דווקא וועגן דעם דאָזיגן קנעפל?!...**

דער נמשל איז, דער מענטש דרייט זיך אַרום אויף דער וועלט וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן. 'כולם בחכמה עשית, מלאה הארץ קנינך'. ער פרעגט וועגן אַ זאַך וואָס האָט פאַסירט מיט אים, פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט אַזוי געטוהן. איז דאָך נישט דאָ אַ גרעסערע נאַרישקייט פון דעם. צי דען האָט ער די מינדערסטע השגה און פאַרשטאַנד פון דעם גאַנצן 'הלוך ילך' אויף דער וועלט? ווי אַזוי וויל ער פאַרשטיין איין קליינעם פרט פון די גאַנצע מערכה פון הימל און ערד.

דאָס איז די כוונה פון פסוק (תהלים צב, ז) 'איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת'. **'איש'** איז מרמז אויף **חשיבות** (ווי רש"י זאָגט אָנהייב פרשת שלח, אַז איבעראל וואו עס שטייט דאָס וואָרט 'אנשים' אין פסוק, מיינט עס אַז זיי זענען געווען חשוב'ע מענטשן). 'איש' - דער מענטש וואָס איז חשוב, ווייסט אַז ער איז אַ **'בער ולא ידע'**. ער האָט נישט קיין שכל צו פאַרשטיין דעם אויבערשטען'ס הנהגה אויף דער וועלט, אָבער דער **'כסיל'** זאָגט, **'לא יבין את זאת'**. איין זאַך פון דער גאַנצער בריאה פאַרשטיי איך נישט, אָבער אַלע אַנדערע זאַכן פאַרשטיי איך יאָ... איז דאָך נישט פאַרהאַן אַ גרעסערע טיפּשות ווי דאָס.

איינער פון די צדיקים האָט אַמאָל געזאָגט, עס וואָלט געווען פאַר מיר אַ גרויסע בושה און צער, צו דינען דעם גאָט וואָס איך פאַרשטיי אים...

אַ איד, אַן 'אוד מוצל מאש', וועלכער האָט נעבעך מיטגעמאַכט און געליטן יסורי איוב אין די ביטערע יאָרן פון דער צווייטער וועלט מלחמה, און אויך שפּעטער, נאָך דער מלחמה, האָט ער נישט געהאַט קיין מנוחה, האָט ער זיך אַמאָל אָפּגערעדט פאַר דעם גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל, און אויסגעדריקט אַ שטיקל 'תרעומות' ח"ו כלפי מעלה, אַז **ער פאַרשטייט נישט** פאַרוואָס דער אויבערשטער כביכול האָט געברענגט אַזאַ חורבן אויף זיין אידישן פאָלק.

איז דער 'חזון איש' צוגעגאַנגען צו די ספרים-שאַנק, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ גמרא און עס געעפנט, און געוויזן פאַר דעם איד אויף אַ געוויסן תוספות, בעטנדיג פון אים ער זאָל אים געבן צו פאַרשטיין די ווערטער פון תוספות. האָט דער איד אַדורכגעלערנט יענעם שטיקל גמרא, און דאַן אַדורכגעלערנט דעם תוספות, און פּרובירט אויפקלערן די כוונה פון תוספות. דער 'חזון איש' האָט אים אָבער געפרעגט פאַרשידענע קשיות אויף זיין 'הסבר', ביז דער איד האָט געמוזט מודה זיין אַז ער איז נישט בכח מסביר צו זיין די כוונה פון תוספות. האָט דער 'חזון איש' אים געזאָגט:

**- זעסטו, אויך אַ פּאָר שורות אין איין תוספות ביזטו נישט בכח צו פאַרשטיין, אויב אַזוי, וואָס פאַר אַ טענות קענסטו האָבן אויף די הנהגה פון דעם באַשעפער פון דער וועלט... ווי אַזוי קלערסטו, אַז דו ביזט בכח צו פאַרשטיין 'כבשונו של עולם'?!...**

**ה.** פסח ביינאַכט ביים סדר, לייגט מען אַרויף אויף די קערה, 'מרור', און אויך 'חזרת'. דאַרף מען פאַרשטיין, ביידע סימנים טוהען דאָך סימבאָליזירן איין זאַך - די מצוה פון 'מרור', אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט מען באַשטימט פאַר זיי צוויי באַזונדערע ערטער?

קען מען זאָגן, ווייל דעם 'מרור' שטעלט מען אַוועק **אינמיטן** פון די קערה, און אויף וועלכע זייט מ'זאָל נישט פּרובירן אַרומדרייען די 'קערה', וועט דער 'מרור' שטענדיג בלייבן אויפ'ן זעלבט אָרט (אינמיטן די 'קערה'). מה שאין כן דער 'חזרת', אויב מ'וועט רוקן און אַרומדרייען די 'קערה', וועט מען געפינען אויפ'ן אָרט פון דעם 'חזרת', אַן אַנדערן 'סימן' פון די סימנים פון די קערה.

דאָס איז אַ רמז, אַז אויב דער מענטש איז 'פאַרביטערט' ('מרור'), ער איז אייביג פול מיט טענות אויף די הנהגה פון דעם אויבערשטען כביכול, ווי אַזוי מ'זאָל אים נאָר נישט וועלן 'אַרומרוקן', און וויפיל מ'זאָל נאָר נישט וועלן אים צופרידנשטעלן, וועט עס נישט געלונגען, ווייל ווי אַזוי מ'וועט נאָר אויסדרייען דעם מצב, וועט ער אַלץ בלייבן אויף זיין אָרט, פול מיט טענות און ביטערניש. אָבער דער מענטש וואָס וויל אַרויסגיין פון זיין שווערן מצב. דאָס מיינט, ער לאָזט זיך 'רירן פון אָרט', וועט ער 'מיט איין דריי', אויסגעפינען אַז ס'איז דאָ מער נישט פאַרהאַן קיין 'מרור', און עס איז געקומען אויף זיין אָרט אַ נייער 'סימן'. ער וועט זוכה זיין צו אַלע טובות און ברכות.

אין דער היינטיגער סדרה (י, א-ג) לייענען מיר וועגן די הסתלקות פון נדב ואביהוא, און אַז משה רבינו ע"ה האָט געזאָגט צו אהרן הכהן, 'הוא אשר דבר ה' לאמור, בקרובי אקדש ועל פני כל העם אכבד', און אהרן האָט געשוויגן: 'וידום אהרן'.

די דאָזיגע פרשה איז אַ לימוד פאַר אידן אין אַלע דורות, פאַר דעם מענטש וואָס ווערט חלילה געפרובט מיט אַ נסיון פון אַ צרה ח"ו ה' ירחם, זאָל ער מקיים זיין 'וידום אהרן', אָנצונעמען דעם אויבערשטען'ס משפט מיט אמונה שלימה, און מיט ליבשאַפט, גלייבנדיג אַז 'כל מאי דעביד רחמנא לטב[ו] עביד'. און כאָטש ס'איז ליידער שווער אויסצוהאַלטן און איבערטראָגן דעם צער[ז], און ווער קען זיך דען צוגלייכן צו אהרן כהנא קדישא, אָבער פונדעסטוועגן, דאַרף מען זיין 'מתלמידיו של אהרן', און גיין אין זיינע הייליגע וועגן[ח].

---

**ו.** מיר האָבן געהערט אַ מורא'דיגע מעשה פון אַ איד, וואָס ביי אים אין די משפחה האָט עס פּאַסירט. העכער אַכציג יאָר צוריק, איז ליידער נפטר געוואָרן אין ירושלים אַ יונגער מענטש רח"ל, און האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַן אלמנה מיט קליינע יתומים ל"ע. האָט די גרויסע טאָכטער זיך אונטערגענומען צו זאָרגן פאַר אירע צובראָכענע געשוויסטער, אַהיימצוברענגען ברויט אין שטוב.

אין יענע צייטן, האָט געהערשט אַ שרעקליכע אָרימקייט ל"ע אין ירושלים, און ס'איז נישט לייכט געווען אַהיימצוברענגען אַ שטיקל ברויט פאַר די קינדער צו עסן. איז דאָס מיידל אַריבערגעגאַנגען צו הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, און זיך אויסגעוויינט פאַר אים איבער דעם שווערן מצב פון די משפחה. הרה"ק רבי שלמה'קע האָט איר אויסגעהערט, און זיך פאַרטיפט אין זיינע הייליגע געדאַנקען אַ מינוט צייט. נאָך אַ מינוט האָט ער איר געפרעגט: **'פאַר וויפיל פאַרקויפסטו עס?'** (די יסורים און שוועריגקייטן...). הערנדיג דעם זוועהילער רבינ'ס הייליגע ווערטער, האָט דאָס מיידל זיך אויפגעהויבן און אַנטלאָפן פון דאָרט...

אַז מ'איז זיך מתבונן אין די מעשה, זעט מען דאָ אַ מורא'דיגע זאַך: דער הייליגער איש האלוקים רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, אַ 'צדיק יסוד עולם', ביי וועמען רוח הקודש איז אייביג געווען 'שגור על לשונו', ווי מ'זאָגט. יעדעס וואָרט וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט פון זיין הייליג מויל, איז געווען ממש ווי פון אַן 'אורים ותומים', אָבער פונדעסטוועגן, האָט ער אויך געוואָלט 'אָפּקויפן' דעם שכר פאַר אירע יסורים. ווייל מיט זיין הייליגן פאַרשטאַנד, האָט ער פאַרשטאַנען אַז **עס 'לוינט זיך'** אים צו קויפן די יסורים, ווייל ס'איז נישט צו שאַצן די גרויסע טובה און רחמים און חסדים וואָס ליגן באַהאַלטן אין די 'צרה', און **וואָס גרעסער ס'איז דער צער אַלס גרעסער איז די טובה וואָס איז באַהאַלטן אין דעם**, און ממילא, איז נישט דאָ אַ בעסערע 'ביזנעס' פון דעם... דעריבער, זאָל דער מענטש נישט שטויסן אויף זיינע יסורים, נאָר גלייבן אין דעם אויבערשטען אַז אַלעס איז פון באשפער, און אַז ער האָט עס געטוהן בלתי שום ספק, צוליב זיינע גרויסע רחמים און חסדים.

**ז.** פרייטאָג פרשת וירא תרצ"ד, איז נסתלק געוואָרן הרה"צ רבי יצחק אַלטער זצ"ל, אַ זון פון גערער רבי'ן הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע. די פטירה איז געווען פאַרנאַכטס, נאָענט צו שבת, און כאָטש עס האָט גורם געווען אַ גרויסן וויטאָג און צער פאַרן רבי'ן און די חסידים, אָבער אין משך פון גאַנצן שבת האָט מען נישט דערקענט קיין שום ענדערונג אויף דעם הייליגן געשטאַלט פונעם 'אמרי אמת'. פרייטאָג צו נאַכטס ביים טיש, האָט ער אַפילו געזאָגט תורה אויפ'ן פסוק אין דער פרשה פון דער וואָך (די עקידה) 'קח נא את בנך את יחידך אשר אהבת את יצחק'.

מוצאי שבת, האָט דער רבי זיך געזעצט 'שבעה', און ס'איז אים געווען שווער צו קומען צו זיך פון גרויס צער רח"ל. אויך ווען עס זענען געקומען די גדולי ישראל, גאונים און צדיקים פון פוילן, טרייסטן דעם רבי'ן אין זיין צרה, האָט מען אים נישט געקענט באַרואיגן, ביז ס'איז געקומען אַ פשוט'ער איד פון אונגאַרן, און ער האָט געזאָגט צום גערער רבי'ן:

- הייליגער רבי, די גמרא זאָגט (מגילה לא:) 'סתירת זקנים בנין, ובנין נערים סתירה', (ווען א 'זקן' צעווארפט, הייסט עס געבויט. ווען א אינגער מענטש בויעט, הייסט עס צעווארפן). און אויב חז"ל זאָגן אַזוי וועגן אַ זקן אַ 'בשר ודם', איז דאָך אַוודאי און אַוודאי ביי דעם אויבערשטען, וואָס ער איז דער '**זקן** מלא רחמים', איז דאָך אַוודאי געוויס אַז **זיין 'סתירה' איז נישט חלילה אַן 'איינוואַרפונג', נאָר גאָר אַ שיינער בנין...**

דאַן האָט דער 'אמרי אמת' אויפגעהויבן זיינע הייליגע אויגן, און מ'האָט געזען אַז ער האָט ממש אויפגעלעבט פון די וואַרימע טרייסט ווערטער פון דעם פשוט'ן אונגאַרישן איד. דערנאָך האָט ער געזאָגט: 'דער דאָזיגער איד האָט מיך געטרייסט'.

**ח.** דער כלל איז, ווי מיר האָבן געהערט פון הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א, אַז דער יצר הרע צילט דאָך אַריינצוברענגען יאוש ח"ו אין דעם מענטש, כדי אַזוי אים צו קענען איבערעדן, זע נאָר ווי דו ביזט פאַרזינקען אין דיינע עבירות, ה' ירחם. אַזעלכע געדאַנקען קומען דיר אַריין אין מח, אַזוי ווי איינער פון די פושעים רח"ל. אַזוי פּרובירט דער יצר הרע אָפּרעדן דעם מענטש, ביז ער וועט טאַקע שפּירן אַז ס'איז נישט דאָ אַ גרעסערער בעל עבירה פון אים ח"ו, און פון דעם אַליין וועט ער צום סוף פאַלן און געשטרויכלט ווערן אַזוי ווי דער ערגסטער בעל עבירה. איז די עצה פאַר אים, **ער זאָל זיך פרעגן, ווי שטייט עס אין דער תורה אַז ס'איז דאָ אַן איסור, אַז דער מענטש זאָל האָבן אַ יצר הרע וואָס רעדט אים איבער צום ערגסטן ח"ו.** דער איסור איז נאָר אים צו הערן און פאָלגן, אָבער דער עצם יצר, איז נישט דאָ אין אים קיין איסור. **אדרבה!** נאָר אויב ער האָט אין זיך אַ יצר הרע און ער שטאַרקט זיך אויף אים, ווערט ער דערהויבן און ער קומט אָן צו זיין תכלית.

ענליך קענען מיר זאָגן, אַז **עס איז נישט פאַרבאָטן צו שפּירן אַ צער, די הויפּט עבודה איז נאָר זיך צו שטאַרקן אויפ'ן צער...**

> **מן הבאר**
>
> דער גאון בעל 'שואל ומשיב', רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן זצ"ל, שרייבט אין זיין ספר 'דברי שאול' (עה"ת) אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער פרשה (י, ג) **'בקרובי אקדש** ועל פני כל העם אכבד', אַז די 'קרובים' וואָס זענען נאָנט צו דעם אויבערשטען, פאַרשטייען אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, און ס'איז אָן אַ ספק אַז דער אויבערשטער האָט געטוהן גרויסע רחמים און חסדים דערמיט, און אַזוי ווערט זיין נאָמען געהייליגט. אָבער **'על פני כל העם'**, ביי דעם פשוט'ן 'המון עם', וואָס פאַרשטייען דאָס נישט אַזוי גוט, ביי זיי איז עס אַ בחינה פון **'אכבד'**, עס זעט אויס אין זייערע אויגן ווי 'שווער' ח"ו. דער 'דברי שאול' פירט אויס: **'והבן כי היא מליצה נפלאה ונמרצה מאד'.**

הרה"ק בעל 'בית ישראל' מ'גער זי"ע, האָט דערציילט, אַז הרה"ק רבי שלמה לייב פון לענטשנא זי"ע האָט אַמאָל שבת חול המועד סוכות געזאָגט ביים טיש, אַז **'די גאַנצע וועלט איז נישט ווערד אַפילו איין קרעכץ'.** עטליכע מינוט שפּעטער, האָט זיך צובראָכן אַ באַנק צוליב די ענגשאַפט און שטופעניש פון די חסידים אין סוכה, און די באַנק האָט אַריינגעקלאַפּט אינעם לענטשנער, וועלכער האָט אַרויסגעלאָזט אַ ווייטאָגליכן קרעכץ. האָט איינער פון די חסידים, וועלכער איז געבענטשט געוואָרן מיט אַן איבעריגע מאָס פון 'תמים תהיה', געפרעגט: 'דער רבי האָט דאָך ערשט יעצט געזאָגט אַז די וועלט איז נישט ווערד אַפילו איין קרעכץ?' האָט הרה"ק רבי שלמה לייב לענטשנער געענטפערט:

- יאָ, ביזט גערעכט, אָבער ווען עס טוט וויי, שרייט מען...

און דער 'בית ישראל' האָט ערקלערט די ווערטער פון לענטשנער, אַז ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַוודאי מעג דער מענטש שרייען ווען עס טוט אים וויי, **אָבער מיט'ן גאַנצן שרייען, דאַרף ער געדענקען אַז באמת איז די וועלט נישט ווערד אַפילו איין קרעכץ,** און ער זאָל נישט נתפעל ווערן פון אַלעם וואָס פּאַסירט מיט אים, ווייל ער דאַרף גלייבן אַז אַלעס איז פון הימל, פאַר זיין טובה וועגן.

אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה, 'הוא אשר דיבר ה' לאמור בקרובי אקדש ועל פני כל העם אכבד', שרייבט דער רשב"ם ז"ל, אַז **עס איז אַ כבוד פאַר די שכינה ווען דער מענטש לאָזט איבער זיין טרוער צוליב זיין עבודה פאַר דעם אויבערשטען.**

דאָס איז גילטיג אויף **יעדע צרה שלא תבוא,** אַז עס איז אַ כבוד פאַר די שכינה אַז דער מענטש לאָזט איבער זיין צער און ער שטאַרקט זיך צו טוהן דעם רצון פון באַשעפער.

די גמרא זאָגט (תמיד כח.) 'יחזיק באמונה יתירה'. דאָס מיינט, דער מענטש דאַרף שטאַרקן מיט אמונה, אַפילו העכער פון זיין מדריגה אין אמונה. **זאָגט הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע** ('תורת אבות', אמונה ובטחון, אות כח), אַז כאָטש ביי אַלע אַנדערע ענינים פון עבודת ה', איז נישט כדאי פאַר דעם מענטש צו רעדן אָדער טוהן וועגן ענינים און מדריגות וואָס ער האָט נאָך נישט דערגרייכט, אָבער ביי ענינים פון אמונה, מעג מען, און **עס איז אַפילו אַ מצוה צו טוהן דערין, אַפילו מיט מדריגות וואָס זענען העכער פון זיין מדריגה.** (דער קאָברינער זי"ע האָט זיך טאַקע אַזוי געפירט, צו רעדן אַסאַך וועגן אמונה, אויך ביי הויכע מדריגות וואָס זענען נאָר שייך פאַר צדיקים).

**דעם** גרויסן שכר פון דעם מענטש וואָס נעמט אַלעס אָן מיט ליבשאַפט[ט], קען מען זען פון די ווערטער פון רש"י ז"ל, אַז אהרן הכהן האָט באַקומען שכר פאַר'ן שווייגן, אַז דער אויבערשטער האָט גערעדט צו אים דירעקט - אָן די פאַרמיטלונג פון משה רבינו ע"ה, ווי געווענליך (ביי די פרשה פון 'שתויי יין', אַז אהרן און זיינע קינדער טאָרן נישט טרינקען וויין אָדער ביר ווען זיי קומען אַריין אין אהל מועד צו טוהן די עבודה).

**וואונדערליכע** ווערטער שרייבן די בעלי התוספות, אין ספר 'מושב זקנים', אויף דעם פסוק (ויקרא יט, טו) **'בצדק תשפוט עמיתך': 'אם בא עליך מדת הדין, הרי זה מצות עשה להצדיק עליו הדין'.** אויב עס קומט חלילה מדת הדין אויף דעם מענטש, איז אַ **מצות עשה** גערעכט צו מאַכן אויף זיך דעם דין. אויף דעם זאָגט דער פסוק 'עמיתך', וואָס גייט אַרויף אויף דעם אויבערשטען (וואָס ער ווערט אָנגערופן 'רעך' דיין פריינט, ווי דער פסוק זאָגט (משלי כז, י) 'רעך ורע אביך אל תעזוב'), און דעמאָלס טוט דער אויבערשטער זיך באַרימען מיט'ן מענטש, פאַר די מלאכים אין הימל, עכ"ד.

**ס'איז** אוממעגליך צו שילדערן דעם גרויסן שכר צו וועלכן ס'זענען זוכה די מענטשן וואָס האָבן אמונה, און נעמען אויף זיך די הנהגה פון דעם באַשעפער ברוך הוא, מיט אמונה און ליבשאַפט, ווי הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע שרייבט אין אַ בריוו ('מכתבי קודש', מכתב מא) אויף די ווערטער פון זוהר הקדוש (ח"ג רטו:) אַז די נשמות פון נדב און אביהוא זענען שפעטער אַריינגעגאַנגען אין פנחס ווען ער האָט מקנא געווען קנאת ה' צבקות, און עס איז באַקאַנט אַז 'פנחס זה אליהו', און ער לעבט אייביג. קומט אויס, אַז נאָך דעם ווי נדב און אביהוא זענען נסתלק געוואָרן זענען זייערע נשמות צוריק אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט (אין פנחס), און נישט נאָר דאָס, נאָר זיי לעבן אייביג.

**שרייבט** דער 'יסוד העבודה', אַז אהרן הכהן האָט זוכה געווען צו דעם אַז מ'זאָל אים צוריקגעבן די נשמות פון זיינע קינדער און זיי זאָלן לעבן אייביג, **אַלס שכר פאַר דעם וואָס ער האָט אָנגענומען דעם דין פון באַשעפער מיט ליבשאַפט**, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט 'וידום אהרן', ווייל דער וואָס נעמט אָן מיט

---

**ט.** דער מדרש דערציילט (קה"ל פ"ב, ד) אַ מעשה וועגן אַ געוויסן **'בר נש'** פון די גרויסע מענטשן אין בבל, וואָס זיין זון האָט חתונה געהאַט. דעם פערטן טאָג נאָך די חתונה האָט ער געמאַכט אַ סעודה פאַר די חכמים. אינמיטן די סעודה, האָט ער אַרויפגעשיקט זיין זון צום בוידעם כדי צו ברענגען פון דאָרט א גוטן וויין. איז דער זון אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן בוידעם, און דאָרט האָט אַ שלאַנג אים געביסן און ער איז געשטאָרבן. דער טאַטע האָט געוואַרט אַז זיין זון דער חתן זאָל אַראָפּקומען פונעם בוידעם, אָבער ער איז נישט אַראָפּגעקומען. איז דער טאַטע געגאַנגען זען וואָס עס האָט פּאַסירט מיט'ן זון, און ער האָט אים געטראָפן נישט לעבעדיג רח"ל צווישן די פעסלעך. **'המתין אותו חסיד'** - האָט יענער 'חסיד' געוואַרט ביז די געסט האָבן געענדיגט עסן און טרינקען ביי די סעודה און זיי האָבן געבענטשט ברכת המזון. דערנאָך האָט ער זיי געזאָגט: רבותי, איר זענט דאָך געקומען אַהער צו די סעודה, כדי צו בענטשן אַ 'ברכת חתנים', אָבער יעצט דאַרפט ער זאָגן 'ברכת אבלים' אויף דעם נפטר. איר זענט נישט געקומען צו אַ חופה, נאָר כדי אים אַריינצולייגן אין קבר.

פרעגט דער גאון רבי משה שמואל שפירא זצ"ל (ראש ישיבה פון ישיבת 'באר יעקב'), פאַרוואָס רופט דער מדרש פריער דעם טאַטן מיט'ן נאָמען 'בר נש' (ווי מען באַצייכנט סתם אַ 'פאַרשוין'), און דערנאָך שטייט 'המתין אותו חסיד', אַז 'יענער חסיד' האָט געוואַרט? ווי אַזוי איז ער דערהויבן געוואָרן אַזוי שנעל אין זיין מדריגה, אַז פון אַ 'בר נש' וואָס ער איז געווען פריער, ווערט ער יעצט אָנגערופן מיט'ן געהויבענעם טיטל 'חסיד'...

ענטפערט הרב שפירא, אַז ווען ער האָט געזען זיין זון נישט לעבעדיג רח"ל פאַר די אויגן, און זיין שמחה איז ליידער איבערגעדרייט געוואָרן צו אַ טרויער רח"ל כפשוטו ממש, **איז ער געבליבן רואיג און ער האָט זיך בכלל נישט פאַרלוירן... נאָר ער האָט אָנגענומען דעם אויבערשטען'ס דין מיט ליבשאַפט**, און ער האָט געהייסן די געסט מאַכן די 'ברכת אבלים' פונקט אַזוי ווי זיי וואָלטן געבענטשט און געלויבט דעם אויבערשטען מיט אַ 'ברכת חתנים', דאַן איז ער אין איין סעקונדע דערהויבן געוואָרן צו די העכסטע מדריגות, אַלעס דערפאַר ווייל ער האָט מצדיק געווען אויף זיך דעם דין, און ס'איז נישט דאָ אַ גרעסערע זאַך פון דעם!

תמימות אַלע וואס עס פּאַסירט מיט אים, איז זוכה צו זען 'מדה טובה מרובה' פון באַשעפער, פינף הונדערט מאָל אַזוי פיל'.

**דער** 'תפארת שלמה' זאָגט (פורים, ד"ה 'ומתנות') אויף די ווערטער פון זוהר הקדוש (ח"א כג:, ועוד) אויפ'ן פסוק (תהלים קב, א) 'תפילה לעני כי יעטוף', אַז די תפילה פון דעם אָרימאַן איז נאָנט אַריינצוקומען פאַר דעם באַשעפער און אָנגענומען צו ווערן ברחמים מער ווי די תפילות פון אַנדערע מענטשן. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט די תפילה פון דעם אָרימאַן אַזאַ גרויסן כח.

**זאָגט** דער 'תפארת שלמה', אַז אויב דער אָרימאַן ליידט די יסורים פון אָרימקייט און ער נעמט עס אויף זיך מיט ליבשאַפט, ער קלערט נישט נאָך די מידות פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, ווייל ער ווייסט אַז 'כל מאי דעביד רחמנא לטב עביד', טוט זיין תפילה שפּאַלטן אַלע הימלען.

**און** דאָס איז געזאָגט געוואָרן נישט נאָר וועגן יסורים פון אָרימקייט און ענגשאַפט אין פרנסה, נאָר ווי דער 'תפארת שלמה' שרייבט דאָרט ווייטער, אַז אויב דער מענטש נעמט אויף זיך אַלע שוועריגקייטן וואָס ער גייט אַריבער, ווערן זיין תפילה אָנגענומען לרצון אין הימל.

**ויקרבו כל העדה - גוטע מידות זענען די יסודות אויף וועלכע די גאַנצע תורה איז געבויט**

'ויהי ביום השמיני קרא משה לאהרן ולבניו ולזקני ישראל, ויאמר אל אהרן קח לך עגל בן בקר

---

**י.** הרה"ג רבי נפתלי זילבערצווייג שליט"א דערציילט אַ מורא'דיגע מעשה, וועגן אַ פרוי וואָס האָט איבערגעלעבט די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה אין דעם 'גיהנום' אין אוישוויץ, וואו זי האָט געליטן אומבאַשרייבליכע יסורים. די דייטשע רשעים ימ"ש האָבן אַדורכגעפירט אויף איר קערפּער זייערע טרויעריג באַרימטע 'פּראָבעס' רח"ל, און נאָך די מלחמה האָט זיך חתונה געהאט אין דער שטאָט 'באַי' אין פראַנקרייך, אָבער זי האָט ליידער נישט זוכה געווען צו קינדער.

אַמאָל אין אַ פרייטאָג, ווען זי האָט געהאַלטן אינמיטן אָנגרייטן די עסן לכבוד שבת, איז זי אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן גאַס איבערלאָזנדיג אַ טאָפּ מיט אַ געקעכטס אויפ'ן אויוון. אינצווישן האָט דאָס פייער זיך אָנגעכאַפּט אין אַ האָלצערנעם שענקל אין קוך, און ביז אַ קורצע צייט האָט דאָס פייער זיך פאַרשפּרייט און כמעט דאָס גאַנצע הויז איז אַרויפגעגאַנגען אין פלאַמען. די שכנים האָבן נישט געוואוסט ווי אַזוי די צובראָכענע פרוי וועט זיך קענען האַלטן נאָך אַזאַ שרעקליכן שאָדן, נאָך דעם ווי זי האָט זיך קוים באַוויזן צוזאַמענצונעמען נאָך די צרות וואָס זי האָט געליטן אין אוישוויץ.

זענען עטליכע שכנים אַריבערגעגאַנגען צו הגה"צ רבי מרדכי פּאָגראַמאַנסקי זצ"ל, וועלכער האָט געוואוינט נישט ווייט פון דאָרט, און אים געפרעגט ווי אַזוי מ'זאָל דערציילן פאַר די פרוי די ביטערע בשורה אַז איר הויז איז פאַרברענט געוואָרן. האָט רבי מרדכי פּאָגראַמאַנסקי זיי געזאָגט, אַז ווען די פרוי וועט אָנקומען נאָנט צום הויז זאָל מען איר דערציילן אַז איר הויז איז אַרויף אין פלאַמען, און מ'זאָל צולייגן, אַז אויב זי וועט אָננעמען די יסורים **מיט ליבשאַפט און מיט שמחה**, און זי וועט נישט אַרויסלאָזן אַפילו איין קרעכץ פון מויל, טוה איך (רבי מרדכי) איר פאַרזיכערן אַז זי וועט זוכה זיין צו קינדער, למעלה מדרך הטבע.

מ'האָט אַזוי געטוהן. די שכנים האָבן איר אָפּגעוואַרט אויף די גאַס, און מ'האָט איר דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט, און איבערגעגעבן געטרוי די ווערטער פון רבי מרדכי פּאָגראַמאַנסקי זצ"ל. די פרוי האָט אויסגעהערט זייערע ווערטער, און מיט איבערנאַטורליכע כוחות האָט זי זיך געשטאַרקט, און זי האָט אַפילו נישט אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ.

רבי נפתלי זילבערצווייג פירט אויס, **איך** בין איינער פון די קינדער וואָס זענען דערנאָך געבוירן געוואָרן ביי די פרוי... צום יאָר נאָך די שריפה האָט זי געבוירן אַ טאָכטער, און שפּעטער האָט זי געבוירן נאָך אַ טאָכטער, און איך בין איר דריטער קינד...

**יעדער מענטש האָט דאָך פאַרשידענע שווערע מינוטן אין לעבן, אָדער ער האָט אַ געלט שאָדן ח"ו א.א.וו., דאַרף ער אָבער וויסן אַז ער האָט פאַר זיך צוויי וועגן: אָדער צו וויינען און קרעכצן און זיך באַקלאָגן אויף זיין ביטערן מצב... אָדער אָנצונעמען דעם דין מיט ליבשאַפט און מיט אמונה, און דורך דעם וועט ער ממשיך זיין אויף זיך אַ הנהגה פון רחמים און חסדים העכער פון דרך הטבע בדבר ישועה ורחמים.**

לחטאת ואיל לעולה תמימים וגו', ואל בני ישראל תדבר לאמר קחו שעיר עזים לחטאת ועגל וכבש בני שנה תמימים לעולה' (ט, א-ג).

**זאָגט** דער 'ילקוט שמעוני' (רמז תקכא), פאַרוואָס האָבן די אידן געדאַרפט ברענגען מער ווי אהרן הכהן? אהרן הכהן האָט געדאַרפט ברענגען נאָר אַן עגל און אַן איל, און די אידן האָבן געדאַרפט ברענגען אַ 'שעיר עזים' פאַר אַ חטאת, אויסער דעם עגל און דעם כבש.

**ענטפערט** דער 'ילקוט שמעוני', אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו די אידן, עטס האָטס געהאַט אַן עבירה ביים אָנהייב, און ביים צום סוף. ביים אנהייב, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית לז, לא) 'וישחטו שעיר עזים' - ווען די שבטים האָבן געשאָכטן אַ ציגל, און איינגעטינקען יוסף'ס העמד'ל אינעם בלוט. און אויך צום סוף, ביים מעשה העגל, 'עשו להם עגל מסכה', (שמות לב, ח). דעריבער זאָל קומען דער שעיר און מכפר זיין אויף די עבירה פון דעם שעיר, און זאָל קומען דער עגל און מכפר זיין אויף די מעשה פון דעם עגל, עכ"ל.

**דאָס** מיינט, אַז נאָך איידער ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער משכן וואו די שכינה האָט גערוהט, האָבן די אידן געדאַרפט האָבן אַ כפרה אויף צוויי עבירות:

**א.** אויף מכירת יוסף, אַנטקעגן דעם 'שעיר עזים' וואָס זיי האָבן געשאָכטן, און געשיקט צו יעקב, זאָגנדיג, 'הכר נא הכתונת בנך היא אם לא', פאַר דעם האָבן זיי געברענגט אַ 'שעיר עזים' פאַר אַ קרבן חטאת.

**ב.** דער חטא העגל, וועגן דעם האָבן זיי געדאַרפט ברענגען אַ עגל אַלס אַ כפרה.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָבן זיי יעצט געדאַרפט האָבן אַ כפרה אויף דעם וואָס זיי האָבן פאַרקויפט יוסף הצדיק, און וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס געהאַט מיט דעם אַכטן טאָג ווען דער משכן איז אויפגעשטעלט געוואָרן?

**ענטפערט** דער גאון רבי יוסף נחמיה קאָרניצער זצ"ל אב"ד קראקא, וויל רש"י ברענגט (פרשתינו ט, כג) אַז די אידן האָבן שווער געאַרבעט ביים בויען דעם משכן כדי די שכינה זאָל רוען צווישן זיי, און אַזוי וועלן זיי וויסן אַז דער אויבערשטער האָט זיי מוחל געווען דעם חטא העגל. במשך פון די גאַנצע 'שבעת ימי המילואים', האָט אָבער די שכינה נישט גערוהט אויפן משכן, און זיי האָבן זיך זייער געשעמט.

**צוליב** דעם האָט משה רבינו ע"ה זיי געזאָגט (פסוק ו), 'זה הדבר אשר צוה ה' תעשו וירא אליכם כבוד ה''. די כוונה דערפון איז, אַזוי ווי חז"ל זאָגן אין 'ספרא', אַז משה רבינו ע"ה האָט געזאָגט צו די אידן, 'אותו יצר הרע תעבירו מלבבכם, ותהיו כולכם ביראה אחת ובעצה אחת לשרת לפני המקום'. אויב איר וועט אַזוי טוהן, 'וירא אליכם כבוד ה''. ס'איז אָבער נאָך אַלץ נישט געווען קלאָר פאַר זיי וועלכן יצר הרע זיי דאַרפן אַוועקטרייבן פון זייערע הערצער.

**באמת**, האָבן די אידן געגלוסט מיטן גאַנצן האַרץ זוכה צו זיין אַז דער אויבערשטער זאָל זיי מוחל זיין פאַר'ן חטא העגל, אויף דעם האָט משה רבינו זיי געזאָגט, אויב איר ווילט זוכה זיין צו מחילה סליחה און כפרה אויף אַן עבירה 'בין אדם למקום', דאַרפט איר צו ערשט מוחל זיין איינער דעם אַנדערן און לעבן באהבה ואחוה, דעמאָלט וועט איר זוכה זיין אַז אויך דער אויבערשטער וועט אייך מוחל זיין, ווי די גמרא זאָגט (ר"ה יז.) 'כל המעביר על מדותיו, מעבירין לו על כל פשעיו'.

**דאָס** איז די כוונה פון חז"ל, 'אותו יצר הרע תעבירו מלבבכם', איר זאָלט אַרויסנעמען פון אייער האַרץ דעם יצר הרע פון קנאה און שנאה, און דאַן וועט מקוים ווערן 'ותהיו כולכם ביראה אחת ובעצה אחת לשרת לפני המקום', דאָס הייסט, ווען איר וועט זיין 'כאיש אחד בלב אחד', וועט איר זוכה זיין צו זען דעם כבוד פון די שכינה.

**און** צוליב דעם טעם האָבן די אידן געדאַרפט ברענגען אַ קעלבל אַלס אַ כפרה אויפן חטא פון מכירת יוסף, וואָס איז געווען אַן עבירה 'בין אדם לחבירו', וויל נאָר דורך דעם וואָס זיי וועלן נעמען אויף זיך ליב צו האָבן איינער דעם אַנדערן, וועט דער אויבערשטער זיי מוחל זיין דעם חטא העגל (וואָס איז געווען אַן עבירה 'בין אדם למקום'), און די שכינה וועט קענען רוהען אויף דעם משכן.

**דאָס** איז היינט 'מעניינא דיומא', ווען מיר שטייען אין די טעג פון ספירת העומר[יא], וואָס זענען באַשטימט אויף תיקון המדות, ווייל חז"ל זאָגן דאָך (תדבא"ר, א) 'דרך ארץ קדמה לתורה'[יב], ווייל מ'קען נישט זוכה זיין

---

**יא.** דאָס איז איינער פון די טעמים פאַר דעם מנהג ישראל צו לערנען פרקי אבות אין די שבתים צווישן פסח און שבועות, ווייל די מסכתא רעדט זיך בעיקר וועגן תיקון המידות, ווייל **דאָס איז דער תפקיד פון די ספירה-טעג אַלס אַ הכנה צו קבלת התורה.** פון דעם קען מען פאַרשטיין אַז ס'איז נישט קיין ענין **סתם צו 'זאָגן'** פרקי אבות... נאָר צו **לערנען על מנת לקיים...**

ווען הגאון רבי שאול ברזם זצ"ל, אַן איידעם פונעם סטייפעלער זצ"ל, איז נפטר געוואָרן, האָט דער סטייפלער געזאָגט צו זיינע אייניקלעך, די טעכטער פון רבי שאול, זיי זאָלן לערנען פרקי אבות לעילוי נשמתו פון זייער טאַטן, זאָגנדיג אַז פרווען מעגן לערנען מסכת אבות, וואָס איז געבויט צו לערנען אַן ערליכן וועג אין לעבן.

פון דעם קען מען זיך לערנען אַן עצה טובה. אין די זומערדיגע שבתים, ווען דער טאָג איז לאַנג, איז כדאַי פאַר יעדן טאַטן צו לערנען מיט זיינע קינדער פרקי אבות, פאַר די טובה פון די נשמות פון די **לעבעדיגע** קינדער... זיי זאָלן נתחנך ווערן צו גיין אויפן וועג פון דער תורה. (בפרט אַז ס'זענען שוין געדרוקט געוואָרן אַסאַך פירושים צו מאַכן לייכטער דאָס לערנען פרקי אבות.)

### מן הבאר

אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע, האָט אַמאָל ביי 'רעוא דרעווין' - שלש סעודות - זיך 'צעפייערט', ער האט צוריקגעוואָרפן דעם קאָפּ פון אונטן אויפ'ן שטול, 'בכל צרתם לו צר'... ער האָט געזאָגט: **אַז אַ איד קען זיין אַ תלמיד חכם, אַן איש מכובד, אָבער אויב ער וועט אָנרירן אַפילו אַ האָר פון דעם קאָפּ פון אַ צווייטן איד, פאַרלירט ער זיין גאַנצע חשיבות.** ער האָט נישט קיין שום ווערד, ווייל ס'איז אַ גרויסער עיקר זיך צו פירן גוט 'בין אדם לחבירו', און אריינברענגען אחדות און שלום צווישן אידן.

אַזוי האָט ער אַמאָל אויך געטייטשט די ווערטער פון די גמרא (ברכות ה.) אַז אויב אַ מענטש זעט אַז יסורים זענען חלילה געקומען אויף אים, זאָל ער נאָכקוקן זיינע מעשים. **'פשפש ולא מצא'** - אויב ער האָט נאָכגעקוקט זיינע מעשים און ער האָט נישט געטראָפן קיין פגם, 'יתלה בביטול תורה' - זאָל ער אָנהענגען זיינע יסורים אויף די עבירה פון ביטול תורה. איז שווער, פאַרוואָס זאָל מען נישט תיכף אָנהענגען די יסורים אויף ביטול תורה, 'כי הוא חיינו ואורך ימינו', נאָר ערשט נאָך דעם ווי 'פשפש ולא מצא', דאַרף מען עס אָנהענגען אויף ביטול תורה?

האט אא"ז הרה"ק מלעלוב זי"ע געענטפערט, אַז אַזוי לאַנג ווי דער מענטש האָט אַ פגם אין ענינים בין אדם לחבירו, דאַרף ער אָנהענגען דעם פגם אין יענע עבירות בין אדם לחבירו, און נישט אין ביטול תורה, ווייל מיר ווייסן דאָך אַז 'דרך ארץ קדמה לתורה'. קומט אויס, אַז **אַזוי לאַנג ווי דער מענטש האָט נישט פאַראַכטן זיינע מידות, האָט ער נישט וואָס צו קלערן וועגן ביטול תורה, ווייל ער האָט דאך נאָך נישט מקיים געווען די 'הקדמה' צו די תורה,** וואָס דאָס איז מדות טובות.

**יב.** אין דער שטאָט האַניפּאָלי, וואו עס האָט געוואוינט דער הייליגער רבי ר' זושא זי"ע, האָט אויך געוואוינט אַ איד אַ גדול בתורה, וועלכער איז אָבער נישט געווען שטאַרק נזהר אין ענינים פון בין אדם לחבירו. האָט דער רבי ר' זושא אים געשיקט רופן, און אים דערציילט די פאָלגנדע מעשה:

אַ רייכער איד האָט געקויפט פאַר זיך אַ טייערן מאַנטל, וואָס איז געווען גאָר שיין. יעדער וואָס האָט עס געזען האָט נישט אויפגעהערט אויסלויבן דעם מאַנטל, אַז אַזוינס האָט מען ממש נאָך נישט געזען. דאָרט האָט געוואוינט אַן אָרימאַן וואָס פלעגט נעבעך אַרומגיין זאַמלען נדבות איבער די הייזער, און ווען ער האָט געזען דעם גרויסן כבוד וואָס דער עושר באַקומט פאַר זיין טייערן שיינעם מאַנטל, האָט דער אָרימאַן נישט קיין סאַך געטראַכט, ער האָט פאַרקויפט זיין קליין הייזקעלע מיט אַלעם וואָס איז געווען דערין, און מיט'ן געלט וואָס ער האָט באַקומען פאַר'ן הויז, האָט ער זיך געקויפט אַ מאַנטל ענליך צו דעם מאַנטל וואָס דער עושר האָט געקויפט.

צו קבלת התורה, צו די אלע מורא'דיגע גילויים און גרויסע השגות און הייליגע השגות פון יום טוב שבועות, אויב מ'טוט נישט פריער אַרויסאָגן פון זיך דעם יצר הרע פון שנאת חינם.

אַזוי שרייבט הגה"ק ר' חיים וויטאַל זי"ע (שער הקדושה, ח"א פ"ב), אַז דער ענין פון מדות איז נישט געשריבן געוואָרן אין דער תורה, ווייל מידות זענען די הכנה[ג] צו די תורה[ד].

---

ווען דער אָרימאַן איז שפּעטער אָנגעקומען מיט'ן נייעם מאַנטל אין ביהמ"ד, האָבן אַלע וואָס זענען דאָרט געווען אָפּגעלאַכט פון אים. האָט דער אָרימאַן זיך געוואונדערט: נעכטן, ווען דער עושר איז געקומען מיט אַן ענליכן מאַנטל, האָבן אַלע עס באַוואונדערט, נו, 'מה יום מיומיים'? פאַרוואָס לאַכט איר פון מיר?

האָט מען אים ערקלערט, אַז דער עושר וואָס טראָגט טייערע שיינע מלבושים, פּאַסט עס פאַר אים אויך זיך אָנצוטוהן אַ שיינעם מאַנטל. אָבער דו, וואָס אַלע דיינע קליידער זענען צעריסן און צעשליסן, און דיינע שיך זענען פול מיט לעכער, זעסטו דאָך אויס ווי סתם אַ לץ אַז דו טוסט אָן אַזאַ שיינעם מאַנטל...

און דער רבי ר' זושא האָט אויסגעפירט זיין 'מעשה' צו יענעם 'למדן': 'דאָס זעלבע איז מיט דיר. די משנה זאָגט (אָנהייב מסכת פאה) 'ותלמוד תורה כנגד כולם'. דאָס מיינט, אַז איינער וואָס לערנט תורה דאַרף האָבן אַלע גוטע מעלות וואָס ווערן דאָרט אויסגערעכנט אין אָנהייב פון יענע משנה: כיבוד אב ואם, גמילות חסדים, און אַנדערע גוטע פירונגען 'בין אדם לחבירו'. **נאָר דעמאָלס איז לימוד התורה אַ שיינע מדה**. אָבער גדלות אין תורה אָן מידות טובות, איז מען אַזוי ווי יענער אָרימאַן וואָס ער טוט אָן אַ טייערן מאַנטל אויף זיינע צעריסענע קליידער...

**יג.** הגה"צ רבי אליהו לאפּיאַן זצ"ל פלעגט זאָגן: ווען איינער שמועסט-אָפּ מיט אַ 'קאָנטראַקטאָר' אַז ער זאָל אים בויען אַ שיינע הויז, טוט ער אַדורכרעדן מיט'ן 'קאָנטראַקטאָר' יעדן פרט פון דעם בנין, ווי גרויס עס זאָל זיין יעדער צימער, און ווי אַזוי ער זאָל עס בויען. אָבער בנוגע דעם יסוד וועט ער גאָרנישט אָפּשמועסן מיט אים, ווייל עס איז דאָך **זעלבסט-פאַרשטענדליך** אַז דער בוי-מייסטער דאַרף לייגן דעם יסוד אויף וועלכן דאָס הויז זאָל קענען שטיין. **אָן אַ יסוד איז נישט דאָ קיין 'בנין'**...

דער נמשל איז, די תורה האָט אונז באַפוילן אַסאַך מצוות עשה און מצוות לא תעשה, אָבער עס שטייט נישט אַרויסגעשריבן דער ענין פון מידות, ווייל **מידות זענען די יסודות אויף וועלכע די גאַנצע תורה איז געבויט**. אָן די יסודות קען דער מענטש נישט אַוועקשטעלן ריכטיג אַ 'בנין' פון תורה...

**יד.** דער בריסקער ראש ישיבה, הגאון רבי משולם דוד סאָלאָווייטשיק זצ"ל, האָט דערציילט, אַז אַמאָל אין זיין יוגנט, האָט זיין גרויסער טאַטע, דער בריסקער רב הגרי"ז זצ"ל, אים געשיקט מיט אַ קאָנווערט מיט געלט צו אַ געוויסן אָרימאַן. האָט רבי דוד זיך אַנטשולדיגט און געפרעגט דעם טאַטן, אויב ער קען אָפּלייגן די שליחות אויף שפּעטער, ווייל ער פלאָגט זיך שוין אנדערהאַלבן שעה אויף אַ שווערע סוגיא און קען זיך נישט קיין עצה געבן דערמיט. ערשט יעצט הייבט ער עס אָן צו פאַרשטיין. ממילא, וויל ער קודם ענדיגן לערנען די סוגיא, און באַלד נאָכ'ן ענדיגן לערנען, וועט ער מקיים זיין די שליחות. האָט דער בריסקער רב דערציילט פאַר'ן זון רבי דוד, אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט ביי זיין טאַטן, דער גאון רבי חיים בריסקער זצ"ל.

אַמאָל איז רבי חיים בריסקער געזעסן ביי אַן אסיפה מיט אַנדערע גדולי ישראל, און ס'איז אַרויפגעקומען אויפ'ן טיש צו רעדן וועגן דעם לאָדזשער רב, הגאון רבי אליהו חיים מייזעל זצ"ל. האָט איינער פון די אָנוועזנדע רבנים זיך אויסגעדריקט מיט ביטול וועגן רבי אליהו חיים, זאָגנדיג, אַז וויבאַלד ער האָט אַזוי פיל עוסק געווען אין צדקה און חסד, און ער האָט זיך אייביג געזאָרגט פאַר'ן ציבור, איז נישט איבערגעבליבן פון אים אַ ספר מיט חידושים. הערנדיג די ווערטער, האָט רבי חיים בריסקער זיך אויפגעשטעלט, און מיט אַ 'שטורעם' האָט ער אויסגערופן צו די אָנוועזנדע רבנים:

- ווען אַ איד לערנט, און מ'קומט צו און מ'בעט אים צו טוהן אַ טובה פאַר אַ איד (אויף אַן אופן וואָס אַנדערע מענטשן וועלן עס נישט טוהן), און ער דרייט זיך אַרויס דערפון מיט די טענה, אַז ער קען נישט מפסיק זיין פון לערנען, איז **אויך ווען דאָס ספר איז אָפען פאַר אים, איז עס אַזוי ווי פאַרמאַכט**... אָבער אויב ער פאַרמאַכט דאָס ספר און ער גייט העלפן אַ צווייטן איד, איז **אויך ווען דער ספר איז פאַרמאַכט, איז עס גלייך ווי עס וואָלט געווען אָפען**... ער איז זוכה צו סייעתא דשמיא, און עס קומט אַריין אַ ברכה אין זיין תורה.

**אַזוי** שרייבט דער חיד"א זי"ע (׳לב דוד׳, פ"ל, אות יב), אַז אין די טעג פון ספירת העומר דאַרף מען זיך גאָר שטאַרק היטן אין עבודת ה׳ און ביים מקיים זיין תורה ומצוות, ווייל זיי זענען טעג פון דין, און ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, האָבן מיר זיך גערייניגט אין די טעג צו באַקומען די הייליגע תורה. און פונקט אַזוי ווי דעמאָלס, איז דורך די התעוררות פון אידן זיך צו רייניגן, האָט דער אויבערשטער געשיקט פון הימל אַ הייליגע שפע זיי צו העלפן, זיי זאָלן זיך קענען רייניגן, אַזוי אויך יעצט, אויב דער מענטש רייניגט זיין האַרץ און ער וועקט זיך אויף פון דעם טיפן שלאָף פון זיין יצר, וועט דער אויבערשטער אים העלפן, ווייל דער וואָס קומט זיך רייניגן, העלפט מען אים פון הימל.

**ספעציעל** דאַרף מען גאָר שטאַרק אַכטונג געבן צו אַנטלויפן פון שנאת חינם, ווייל מיר ווייסן דאָך וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די תלמידים פון דעם הייליגן תנא רבי עקיבא צווישן פסח און שבועות[טו]. (ער ברענגט דאָרט, אין ׳נפש דוד׳, עטליכע טעמים פאַרוואָס דייקא די יעצטיגע טעג זענען מסוגל דערויף).

**הרה"ק** בעל ׳בני יששכר׳ זי"ע שרייבט (חודש אייר, מאמר ג, אות א), אַז די 49 טעג פון ספירה באַטרעפן אַזוי ווי די צוויי ווערטער ׳לב טוב׳[טז]. דאָס איז אַ רמז אַז אין די יעצטיגע טעג פון ספירה דאַרפן מיר איבערדרייען אונזערע הערצער זיי זאָלן זיין גוט - ׳לב טוב׳.

**דאָס** מיינט, אַז ס׳איז נישט גענוג פאַר׳ן מענטש זיך צו היטן פון מצער זיין אַ צווייטן, נאָר ער דאַרף איבערדרייען זיין מהות צו זיין אַ גוטער מענטש וואָס וויל טוהן גוטס מיט אַנדערע מענטשן. ער זאָל שפּירן דעם צער פון אַ צווייטן, און ער זאָל אָפּגעבן כבוד פאַר אַ צווייטן מענטש, און בכלל, זאָל ער טוהן אַסאַך גמילות חסדים[יז].

**ביים** סוף פון דער היינטיגער פרשה, ווערט געזאָגט דער איסור צו עסן פון די טמא׳נע עופות. צווישן זיי ווערט אויסגערעכנט דער עוף וואָס הייסט ׳רחם׳ (יא, יח), וואָס די גמרא זאָגט (חולין סג.) אַז ׳רחם׳ איז דער עוף וואָס ווערט אנגערופן ׳שרקרק׳. זאָגט רבי יוחנן, פאַרוואָס ווערט עס אנגערופן ׳רחם׳? ווייל ווען עס איז געקומען דער רחם, איז געקומען רחמים אויף דער וועלט. רבי ביבי בר אביי זאָגט אַז דאָ רעדט מען וועגן אַן עוף וואָס ער זיצט אויף עפּעס און ער קוויטשעט. זיין קול הערט זיך אַזוי ווי ער וואָלט געזאָגט ׳רק רק׳. ׳וגמירי׳ - מיר האָבן בקבלה, אַז אויב ער זיצט אויף דער ערד און ער קוויטשעט, איז עס אַ סימן אַז משיח גייט אינגיכן קומען, אַזוי ווי דער נביא זאָגט (זכריה י, ח)

---

**טו.** הרה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע האָט אַמאָל געהערט אַז איינער פון זיינע נאָנטע האָט געטשעפּעט אַ איד, האָט ער יענעם צוגערופן, און אים געזאָגט: **׳אויב עס וואָלט געווען אַ ׳מנהג׳ נישט צו טשעפּען אַ איד, וואָלסטו מער אַכטונג געגעבן נישט צו טשעפּען מיט אַן אַנדערן׳** (ווייל אין בעלזא, האָט מען דאָך שטאַרק מקפיד געווען אויף יעדן מנהג...).

אַ חשוב׳ער רב אין בני ברק האָט מיר געזאָגט אַ ווערטל, אַז ס׳איז מעגליך אַז צוליב דעם זאָגן חז"ל וועגן די תלמידים פון רבי עקיבא, ׳שלא **נהגו** כבוד זה בזה׳, אַז וויבאַלד מ׳האָט עס נישט געמאַכט כאָטש פאַר אַ ׳מנהג׳ (אָפּצוגעבן כבוד פאַר אַ צווייטן), צוליב דעם האָט מען נישט אַזוי שטאַרק מקפיד געווען דערויף...

**טז.** עס זענען דאָ אידן וואָס פירן זיך יעדן טאָג אין די טעג פון די ספירה, צו לערנען איינע פון די 48 קנינים פון תורה (וואָס ווערן אויסגערעכנט אין זעקסטן פרק פון מסכת אבות). ווען מ׳קוקט אַריין אין פרק ׳קנין תורה׳, זעט מען אַז דער **צוויי און דרייסיגסטער** קנין איז **׳אוהב את הבריות׳**.

לויט דעם, קען מען זאָגן אַ טעם פאַרוואָס די מגיפה צווישן די תלמידים פון רבי עקיבא האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דעם טאָג פון **ל"ג בעומר**, ווייל נאָך דעם ווי זיי האָבן דערגרייכט די מדה פון זיין אַן ׳אוהב את הבריות׳, האָבן זיי דאָך ממילא אָפּגעגעבן כבוד איינער פאַר׳ן צווייטן, און אַזוי האָט די מגיפה זיך געקענט אָפּשטעלן.

**יז.** אין דער היינטיגער סדרה (יא, יט) ווערט אויסגערעכנט צווישן די טמא׳נע עופות, דער עוף ׳חסידה׳. ברענגט רש"י אין נאָמען פון חז"ל, אַז זי ווערט אָנגערופן ׳חסידה׳, ווייל עס טוט חסד מיט אירע חבר׳טעס. איז שווער, אויב די ׳חסידה׳ איז אַזוי גוטהאַרציג אַז זי טוט חסד מיט אַנדערע, פאַרוואָס איז זי אַן עוף טמא?

ענטפערט הרה"ק בעל ׳חידושי הרי"ם׳ זי"ע, אַז די צרה איז וואָס די ׳חסידה׳ טוט חסד נאָר מיט אירע חבר׳טעס... **מ׳דאַרף זיין גוט צו יעדן איינעם, נישט נאָר צו ׳אנשי שלומינו׳...**

'אשרקה להם ואקבצם'. דאָס מיינט, אַז נאָך זיין קוויטשען, וועט משיח קומען און אַרויסנעמען די אידן פון גלות.

**זאָגן** די ספרים (שו"ת רדב"ז ח"א, 'ילקוט החנוכי', אות ל, 'שיח יצחק' להגאון ר' יצחק שמעלקיס זצ"ל אב"ד לבוב, ועוד), אַז די חכמים האָבן געמיינט מרמז צו זיין, אַז ווען עס ווערט ערוועקט אינעם הארץ פון אַ מענטש רחמנות, איז ער ממשיך אויף זיך רחמים פון הימל, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (שבת קנא:) 'כל המרחם על הבריות, מרחמין עליו מן השמים'.

**נאָך** מער, דאָס וואָרט 'רחם' ווייזט אויף ליבשאַפט [אַזוי ווי דער תרגום אונקלוס טייטשט דעם פסוק (בראשית כה, כו) 'ויאהב יצחק' - 'ורחם יצחק']. ווען עס קומט דער 'רחם' - עס ווערט פאַרמערט ליבשאפט צווישן איין איד מיט'ן אַנדערן, קומט רחמים אויף דער וועלט.

**דאָס** איז אויך מרומז אין דעם וואָס רבי ביבי בר אביי זאָגט אַז עס מאַכט 'שרקרק', אַזוי ווי דער מהר"ל ז"ל שרייבט (אין חידושי אגדות), אַז דאָס וואָרט 'שרקרק' האָט די אותיות 'קשר' (זייענדיג געבויט פון די דריי אותיות ק', ר', ש'). דאָס מיינט, אַז די אידן וועלן זיין באַהאָפטן און צוזאַמענגעבונדן איינער מיטן אַנדערן מיט אַ שטאַרקע ליבשאַפט, און אויף דעם זאָגן חז"ל, 'וגמירי דאי יתיב אארעא ושריק אתא משיחא', דאָס מיינט אַז ווען עס וועט זיך פאַרשפרייטן די מדה פון אהבת ישראל אויף דער גאַנצער וועלט, וועט משיח קומען וואָס גיכער, ווייל די גאַנצע סיבה פונעם גלות איז דאָך צוליב שנאת חנם[יח], און דורך אהבת חינם וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה, און דער מדרש זאָגט (ב"ר פצ"ח, ב) 'נעשו בני ישראל אגודה אחת - התקינו עצמכם לגאולה'. ווען אידן ווערן באַהאָפטן צוזאמען, זאָלט איר זיך גרייטן צו די גאולה.

### חסל סידור פסח - צובינדן דעם יו"ט צו זיך

**יעצט,** ווען מיר האַלטן שוין טאַקע ביי 'חסל סידור פסח', און מיר האָבן ב"ה זוכה געווען צו אפרעכטן דעם יום טוב פסח העעל"ט בדיצה וכשרות, טאָר מען ח"ו נישט טראַכטן, אַז די געהויבענע טעג זענען פאַרביי און יעצט זענען מיר אָנגעקומען צו טעג 'אשר אין בהם חפץ'... ווייל אדרבה, יעצט, נאָך די גאַנצע עבודה פונעם יום טוב און די התעלות צו וועלכע מיר האָבן בחסדי השי"ת זוכה געווען, איז דאָך אונזער עבודה פון יעצט און ווייטער אַסאַך חשוב'ער, און יעדע

---

**יח.** אַ מורא'דיג וואָרט שרייבט דער 'בת עין' (ד"ה 'והוא'), קעגן די מענטשן וואָס ווילן ווייזן כאילו זיי האָבן ליב אַ צווייטן, אָבער באמת האָבן זיי יענעם פיינט, 'שבע תועבות בלבם'.

זאָגט דער 'בת עין', ביי די מאכלות אסורות טרעפן מיר אין דער היינטיגער פרשה (יא, ז) 'ואת החזיר כי מפריס פרסה הוא ושוסע שסע פרסה והוא גרה לא יגר, טמא הוא לכם'. זאָגט דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע, אַז דער פסוק קומט לערנען אַז דער חזיר איז אסור צו עסן נאָר אַזוי לאַנג ווי 'גרה לא יגר', אָבער לעתיד לבוא, ווען ער וועט ווערן אַ 'מעלה גרה', וועט מען עס מעגן עסן.

אויך זאָגט דער 'רבינו בחיי', אין נאָמען פון מדרש תנחומא, אַז עס ווערט גערופן 'חזיר' ווייל 'עתיד הקדוש ברוך הוא להחזירו לנו לעתיד לבוא' - לעתיד לבוא, וועט מען מעגן עסן חזיר.

זאָגט דער 'בת עין' בדרך רמז, ס'זענען דאָ מענטשן וואָס פירן זיך אַזוי ווי דער חזיר, וואָס שטרעקט אויס זיינע כשר'ע פיס און ער זאָגט 'איך בין טהור'... **אויסערליך** זעט ער אויס ווי ער האט אַ סימן פון כשרות, אבער אין זיין **פנימיות** איז ער טמא, ווייל ער איז נישט אַ 'מעלה גרה'. דאָס זעלבע איז מיט די דאָזיגע מענטשן. מיט זייער געשליפענעם ציגגל מאַכן זיי זיך פאַר אַ צווייטן ווי זיי האָבן אים ליב. אויסערליך זעען זיי אויס ווי כשר, אבער באמת 'גֵרָה לֹא יִגָּר', אין זייער פנימיות האָבן זיי פיינט יענעם מיט'ן גאַנצן האַרץ.

דער 'בת עין' פירט אויס: און **דאָס איז גורם דעם עיכוב פון די גאולה, ווייל משיח צדקינו וועט נישט קומען ביז דער חזיר וועט ווערן טהור**, דאָס הייסט, ער וועט ווערן אַ 'מעלה גרה', און זיין פנימיות וועט זיין אַזוי ווי ער ווייזט אַרויס, עכדה"ק.

מיר דאַרפן זיך שטאַרקן ליב צו האָבן יעדן איד, אויך אין פנימיות פון האַרץ. עס זאָל זיין 'תוכו כברו', אַז אויך אין פנימיות זאָל מען וועלן די טובה פונעם חבר, און מ'זאָל אים ליב האָבן ווי מ'האָט ליב זיך אַליין. דורך דעם וועלן מיר זוכה זיין צו דערנענטערן די גאולה במהרה בימינו, אמן.

מצוה און גוטע מעשה וואָס מיר טוהען יעצט, האָט אַ גרעסערע קדושה.

**נאָך** מער, דער גאַנצער תכלית פון די ימים טובים איז דאָך צו געבן פאַר דעם מענטש דעם כח צו קענען שטייגן אין עבודת השי"ת אויך אין די 'וואָכן טעג'[יט].

**ביי** די ערשטע התגלות פון באַשעפער צו משה רבינו ע"ה, געפינען מיר אין פסוק (שמות ג, ב-ג) 'וירא מלאך ה' אליו בלבת אש מתוך הסנה, וירא והנה הסנה בוער באש והסנה איננו אוכל'. און באַלד נאָך דעם זאָגט דער פסוק, 'ויאמר משה אסורה נא ואראה את המראה הגדול הזה, מדוע לא יבער הסנה'. דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס משה האָט געזאָגט 'אסורה'. וואו דאַרף ער זיך נאָך ווענדן? ער האָט דאָך פאַר זיך דעם 'מראה הגדול' - דאָרט וואו ער שטייט.

**זאָגן** די ספרים, אַז דער פסוק קומט מרמז זיין, אַז משה רבינו ע"ה האָט מתפלל געווען, אָט האָב איך דאָ געזען אַזאַ גרויסע התגלות, ממש 'גילוי שכינה'. בעט איך דיך באַשעפער, אַז אויך 'אסורה' - ווען איך וועל פאַרלאָזן דאָס הייליגע אָרט, זאָל איך ווייטער זוכה זיין צו זען, 'ואראה את המראה הגדול הזה'. די הייליגע געפילן זאָלן זיך נישט אָפּטוהן פון מיר.

**נאָך** מער: 'אסורה' איז אויך פון לשון 'צובינדן' (אַזוי ווי 'מתיר אסורים'). האָט משה געמיינט מרמז צו זיין, 'אסורה נא ואראה את המראה הגדול הזה' - איך וויל זיך צובינדן צו די גרויסע מראה, און איינקריצן אין זיך אַלע געהויבענע און הייליגע געפילן וואָס איך האָב דאָ געשפּירט, שטייענדיג ביים 'סנה'.

'**ללמד** על הכלל כולו יצא'. דאָס לערנט אונז אַ לימוד, אַז יעדעס מאָל ווען אַ איד איז זוכה צו התרוממות הנפש און צו אַ התעוררות פון קדושה, דאַרף ער זיך 'צובינדן' דערצו, אַז די הייליגע הארה זאָל האָבן אַ קיום אויך ווען ער וועט זיך 'אָפּטוהן' פון איר. עס זאָל נישט באַלד פאַרבייגיין פון אים[כ], נאָר עס זאָל בלייבן אין אים אַ לאַנגע צייט[כא].

---

**יט.** הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאָזמירער זי"ע האָט געזאָגט אַ משל, אַ מענטש האָט געהאַט אַ געטרייען אייזל, וועלכער האָט פאַר אים געטראָגן זיינע פעק, און אים געפירט אויף זיינע נסיעות. איינמאָל ווען זיי זענען געווען אינמיטן וועג, איז דאָס אייזל מיט אַלע פעק אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן גרוב. דער מענטש האָט זיך נישט פאַרלוירן, ער האָט באַשטעלט אַ 'קרעין', וואָס האָט אויפגעהויבן דעם אייזל מיט אַלע פעק און זיי אַרויסגעפירט פונעם גרוב. דאַן האָט דער אייגנטימער פונעם אייזל געמאַכט אַ 'קל וחומר', אויב דער 'קרעין' האָט באַוויזן אויפצוהייבן דאָס אייזל, פאַרוואָס דאַרף איך זיך אַרומשלעפּן מיט'ן אייזל... איך קען זיך דאָך באַנוצן מיט'ן 'קרעין' פאַר אַלע מיינע רייזעס און פאַר'ן אייזל צו טראָגן די פעקלעך...

'אומר ועושה'. ער האָט אַזוי געטוהן. ער האָט אָנגעלאָדענט אַלע זיינע פעק אויפ'ן 'קרעין', אָבער ווען ער האָט געוואָלט פאָרן ווייטער, האָט דער 'קרעין' זיך נישט גערירט פון אָרט... האָט ער זיך געוואונדערט דערויף, ביז אַ קלוגער איד האָט אים ערקלערט, אַז דער גאַנצער 'קל וחומר' איז אַן אָפּגעפרעגטער 'קל וחומר', ווייל דער 'קרעין' איז נאָר בכח אויפצוהייבן חפצים און פעקלעך, אָבער ער איז נישט בכח צו פאָרן ווייטער אויפ'ן וועג. דאָס קען נאָר אַ פשוט'ער אייזל...

דער נמשל איז, **די ימים טובים האָבן אַ כח אויפצוהייבן** דעם מענטש העכער אַלע 'לעכער און גריבער' וואו ער איז אַריינגעפאַלן אין די וואָכן-טעג, אָבער **פאַרצוזעצן ווייטער אויפ'ן וועג קען נישט דער מענטש, נאָר אויב ער וועט ווייטער אַרבעטן יעדן טאָג**, און אַזוי קען ער שטייגן און דערגרייכן זיין מעמד.

**כ.** דער 'שפת אמת' פרעגט ('שפת אמת', פרשת שמות תרל"ח), וואָס האָט משה רבינו ע"ה זיך אַזוי געוואונדערט אויף דעם וואָס דער 'סנה' טוט זיך נישט אויסברענען? ער האָט דאָך אַוודאי פאַרשטאַנען אַז דער פייער איז נישט אַנדערש ווי אַ **רוחניות'דיגער פייער**, און אַזאַ פייער פאַרברענט נישט קיין גשמיות'דיגע זאַכן, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (חגיגה כז.) אַז דער 'מזבח הזהב' וואָס איז געווען דיק אַזוי ווי אַ 'דינר', האָט דער פייער נישט געוועלטיגט דערויף און עס איז נישט פאַרברענט געוואָרן, ווייל עס איז געווען אַ **הימלישער פייער**, און צוליב דעם האָט דאָס פייער פון די 'מערכה' זיך נישט אויסגעלאָשן פון רעגן (אבות פ"ה, מ"ה).

ענטפערט דער 'שפת אמת', אַז משה האָט זיך נישט געוואונדערט אויף דעם וואָס דער 'סנה' טוט נישט 'פאַרברענט' ווערן ביז עס זאָל אינגאַנצן פאַרשווינדן, נאָר ווי אַזוי איז מעגליך אַז עס איז דאָ אַ געטליכע התגלות

**דאָס** איז געזאָגט געוואָרן ספּעציעל יעצט - 'ממחרת הפסח', ווען מיר האָבן ב"ה זוכה געווען צו פּראַווען דעם יום טוב, דאַרפן מיר גוט אָפּהיטן אין זיך די התעלות, צו וועלכע מיר האָבן זוכה געווען אינעם יום טוב.

**אַזוי** האָט געטייטשט דער פריערדיגער בעלזער רב, הרה"ק מהרי"ד זי"ע (ליקוטים) דעם נוסח התפילה, 'מלכותך ראו בניך, בוקע ים לפני משה, זה א-לי ענו ואמרו, ה' ימלוך לעולם ועד'. לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט מען אויסגעקליבן פון אַלע פסוקים פון די שירה, דייקא דעם פסוק, 'ה' ימלוך לעולם ועד', ספּעציעל אַז עס שטייט ביים סוף פון די שירה, און עס איז דער קירצסטער פסוק אין די שירה.

**נאָר** די כוונה דערפון איז, אַז ווען די אידן האָבן זוכה געווען צו אַזאַ גרויסע התגלות אלקית, אַז אפילו אַ דינסט האָט געזען ביים ים סוף וואָס דער נביא יחזקאל בן בוזי האָט נישט זוכה געווען צו זען, און אַלע אידן האָבן געוויזן מיט'ן פינגער און געזאָגט 'זה א-לי' (רש"י, פרשת בשלח), האָבן זיי באַלד געזאָגט 'ה' ימלוך לעולם ועד', כדי די שטאַרקע הארה צו וועלכע זיי האָבן זוכה געווען, זאָל נישט זיין בלויז 'לשעתה', נאָר עס זאָל זיך האַלטן ביי זיי אויף אייביג, און צו דעם קענען זיי זוכה זיין דורך דעם וואָס זיי נעמען אויף זיך דעם עול מלכות שמים: 'ה' ימלוך לעולם ועד'.

**אַזוי** טייטשן די ספרים דעם פסוק (תהלים קיח, כז) 'אסרו חג בעבותים'. מ'זאָל 'צובינדן' ('אסרו') צו זיך דעם יום טוב מיט 'שטריק' ('בעבותים'), דורך גוטע קבלות וואָס מ'נעמט אויף זיך, און מ'זאָל זיך קיינמאָל נישט אָוועקרירן דערפון.

**אברהם** אבינו ע"ה האָט געפרעגט פונעם אויבערשטן ביי דעם 'ברית בין הבתרים' (בראשית טו, ח-ט) 'ויאמר, ה' אלוקים, במה אדע כי אירשנה', און דער אויבערשטער האָט אים געענטפערט: 'ויאמר אליו, קחה לי עגלה משולשת'. האָט דער איזשביצער רבי, הרה"ק רבי מרדכי יוסף זי"ע געטייטשט: אברהם אבינו ע"ה האָט געפרעגט דעם אויבערשטען, נאָך דעם ווי ער האָט זוכה געווען צו זען און הערן דעם באַשעפער, ווי אַזוי וועל איך זוכה זיין צו 'ירש'ענען', די גרויסע מראה, אַז עס זאָל זיין אַ 'בר קיימא', זיך צו האַלטן אין מיר, און איר השפעה זאָל זיך נישט אָפּטוהן פון מיר, מיט די צייט.

**אויף** דעם האָט דער באַשעפער אים געענטפערט: 'קחה לי עגלה משולשת', דו זאָלסט ברענגען פאַר מיר אַ קרבן, דאָס מיינט, דורך דעם וואָס דער מענטש שטאַרקט זיך אין זיין עבודה, און ער איז מקריב פון זיך אַ קרבן פאַר דעם אויבערשטען, קען ער אָנהאַלטן אין זיך די גרויסע התעלות צו וועלכע ער האָט זוכה געווען אינעם יום טוב.

### כמו שכתוב בתורה - זיך שטאַרקן מיט לימוד התורה אין די ספירה-טעג

**פון** די הויפּט-עבודות אין די הייליגע טעג פון ספירה, איז צו לערנען וואָס מער תורה[כב]. אויסער דעם וואָס עס איז נישט דאָ אַ בעסערע 'הכנה' וואָס דער מענטש קען מאַכן צו 'קבלת התורה' אין יום טוב

---

אויפ'ן סנה, און **דער סנה בלייבט ווייטער דער זעלבער דאָרן-בוים...** עס ווערט נישט פאַרברענט פון דעם הייליגן פייער צום באַשעפער.

**לדידן ייאמר, מיר דאַרפן אויך פרעגן, ווי אַזוי איז מעגליך אַז נאָך אַזעלכע הייליגע טעג וואָס מיר האָבן יעצט געפּראַוועט דעם יום טוב פסח, זאָל מען איבערבלייבן אַ טרוקענער 'דאָרן', און נישט 'קאָכן' פאַר דעם אויבערשטען...**

**כא.** אַזוי האָבן צדיקים געטייטשט ('תורת אבות', שבת, אות רטז) דעם פסוק (תהלים לב, ו) 'על זאת יתפלל כל חסיד אליך לעת מצוא רק לשטף מים רבים אליו לא יגיעו'. **'לעת מצוא'** איז אַ רמז אויף די צייט ווען מ'גייט אַרויס פון אַ הייליגן זמן. דאַרף מען מתפלל זיין דערויף אַז עס זאָל בלייבן אין אונז די קדושה צו וועלכע מיר האָבן זוכה געווען, און דער 'שטראָם' פון די 'מים רבים' זאָל נישט 'פאַרשווענקען' חלילה די התעוררות פון קדושה.

**כב.** די טעג פון חודש אייר הבעל"ט, זענען שטאַרק מסוגל צו שטייגן אין תורה, ווי הרה"ק בעל 'מאור ושמש' זי"ע שרייבט (פ' שמיני, ד"ה 'אלי') אַ רמז אין דעם 'צירוף' פון שם הוי' ב"ה אין חודש אייר, וואָס עס קומט אַרויס פונעם פסוק (ירמיה ט, כג) כי אם בזאת י'תהלל ה'מתהלל ה'שכל ו'ידוע אותי וגו'. זעט מען דאָך אַז דער חודש איז מסוגל אויף 'דעת'. ער שרייבט: **'דער דאָזיגער חודש איז געוואָרן מוכשר צו קענען משיג זיין דעם דעת פון די**

שבועות הבעל"ט, ווי דאָס עצם לערנען תורה[כג], איז דאָך באַקאַנט אַז די טעג פון ספירת העומר זענען טעג פון טהרה, טעג וואָס זייער גאַנצער תכלית איז זיך צו רייניגן פון יעדן סיג ופגם און זיך הייליגן בקדושה עליונה.

**מיר** ווייסן דאָך אַז 'אין טהרה כתורה, ואין קדושה כתורה', און חז"ל זאָגן (אבות פ"ו, מ"ב) 'כל העוסק בתורה הרי זה מתעלה'. ממילא, דאַרף יעדער איד זיך גוט אָנגאַרטלען צו פאַרמערן צו לערנען. אויך איינער וואָס איז טרוד מיט מאַכן פרנסה און ער מוז אַרויסגיין אַרבעטן אָדער האַנדלען, דאַרף אָבער זען צו האָבן וואָס מער קביעות עתים לתורה[כד], עס זאָל זיין ביי אים אַ 'חק בל יעבור', און דורך דעם איז מען טאַקע זוכה זיך צו רייניגן און זיך הייליגן מיט דעם אויבערשטען'ס קדושה כביכול[כה], אַלס אַ 'הכנה דרבה' צום גרויסן טאָג פון קבלת התורה[כו] אין יום טוב שבועות הבעל"ט.

**אין** זכות פון פאַרמערן לימוד התורה, וועט נשפע ווערן אַסאַך שפע פון גוטע ברכות, רפואות און ישועות, לנו ולכל ישראל, אמן.

---

**תורה, מער ווי אין די אַנדערע חדשים פון יאָר'.** לויט דעם, ערקלערט דער 'מאור ושמש' דאָס וואָס די קדמונים האָבן זיך געפירט אָנצוהייבן דעם 'זמן' אין די ישיבות, דווקא אויף ראש חודש אייר (זע אויך 'בני יששכר', חודש אייר, מאמר א').

**כג.** דער 'שפת אמת' שרייבט (שבועות תר"ס, ד"ה 'הלימוד'), יעדע גליסטונג צו עולם הזה קומט פון הונגער. לויט וויפיל דער מענטש איז געוואוינט דערצו, ווערט די ליבשאַפט (צו די תאווה פון עולם הזה) ווייניגער, און דער מענטש וואָס טוט זיך אויסהונגערן, עסט ער מיט אַפעטיט, אָבער ביי תורה איז אַנדערש, וואָס מער דער מענטש איז עוסק דערין, מערט זיך ביי אים די ליבשאַפט און גליסטונג צו תורה.

דער גאון רבי חיים קרייזווירט זצ"ל, רב פון אַנטווערפּן, איז געווען אַמאָל אויף אַ שבת אין ניו יאָרק. שבת בייטאָג, האָט ער געזאָגט אַ שיעור בדרך פלפול אין אַ שול. עס זענען געקומען מאַסן אידן צו הערן די פּערל-ווערטער פון הרב קרייזווירט, און אויך פונדערוויטענס זענען געקומען הונדערטער אידן וואָס זענען געגאַנגען צופוס מער ווי צוויי שעה אין דעם הייסן זומער-טאָג. אינמיטן זיין דרשה, האָט הרב קרייזווירט געזאָגט צום עולם: **'איך וויל אייך איבערגעבן אַ 'סגולה בדוקה' פאַר התמדה אין תורה, וואָס ס'איז ווערד געווען פאַר אייך די גאַנצע אָנשטרענגונג פון קומען אַהער לאַנגע שעה'ן'...** אַזוי האָט הרב קרייזווירט איבערגעזאָגט עטליכע מאָל זיין 'הקדמה' וועגן די 'גרויסע סגולה' וואָס ער וויל זאָגן פאַר'ן עולם צו הצלחה אין תורה. נאָך אַלע 'הקדמות' האָט ער געזאָגט:

- **די גרעסטע סגולה דורך וועלכע מ'קען זוכה זיין צו התמדת התורה, איז צו זעצן זיך לערנען...**

**כד.** איי, וועט דער מענטש פרעגן 'מה נאכל'... פון וואו וועל איך נעמען פרנסה, אויב איך וועל לערנען אין דער צייט וואָס איך קען פאַרדינען געלט... איז דער תירוץ אַז חז"ל האָבן אונז שוין פאַרזיכערט, **אַז דער וואָס ווידמעט וואָס מער צייט - יעדע מעגליכע מינוט - פאַר לימוד התורה, איז זוכה צו פרנסה בהרחבה**, ווי די גמרא זאָגט (ע"ז יט:) רבי יהושע בן לוי האָט געזאָגט, 'דבר זה כתוב בתורה, ושנוי בנביאים, ומשולש בכתובים' - עס שטייט אין תורה, נביאים, און כתובים, אַז דער מענטש וואָס לערנט תורה איז מצליח אין זיינע פאַרמעגנס.

נאָך מער זאָגט די גמרא (שם יט.), **אַז דער וואָס לערנט תורה, טוט דער אויבערשטער ערפילן זיין רצון, אַלעס וואָס ער וויל האָבן.** זאָגט דער מהרש"א, אַז דער וואָס לערנט תורה איז מצליח אין אַלע זיינע **עניינים אויך אָן דעם וואָס ער זאָל דאַרפן מאַכן אַ 'השתדלות' דערפאַר**, און ס'איז גענוג פאַר דעם מענטש **צו וועלן** האָבן אַ געוויסע זאַך, וועט דער אויבערשטער טוהן זיין רצון. און אויף דעם שרייבט דער רמב"ם ז"ל דאָרט: 'ויזכה לו בעולם הזה דבר המספיק לו, כמו שזכה לכהנים ללויים' - דער אויבערשטער וועט אים העלפן ער זאָל האָבן וואָס ער דאַרף האָבן אויף דער וועלט, אַזוי ווי ער האָט מזכה געווען די כהנים און די לויים, אַז עס זאָל זיי גאָרנישט פעלן.

**כה.** דער מהר"ל מפראג זצ"ל שרייבט (זע 'נתיבות עולם', נתיב הפרשיות, פ"א) אַז מיר האָבן דאָך אַ מצוה פון 'קדושים תהיו'. דאָס מיינט, אַז מ'דאַרף זיך פירן אויף אַן אופן פון קדושה. אַ מלאך איז בעצם הייליג, ווייל ער איז דאָך בלויז רוחניות, אָן אַ 'שמץ' פון גשמיות, אָבער **דער איד וואָס לערנט תורה, איז נאָך הייליגער פון די מלאכים.** ער גייט אַריין אין 'קודש הקדשים', וואו אַ מלאך האָט נישט קיין רשות דאָרט אַריינצוקומען...

ענליכע ווערטער, שרייבט דער 'בת עין' (פ' בשלח, ד"ה 'נבוכים הם') , דער פסוק זאָגט (משלי ג, טו) 'יקרה היא מפנינים', און די גמרא זאָגט (הוריות יג.) 'יקרה היא מכהן הגדול שנכנס לפני ולפנים' (וואָס לכאורה איז שווער, וואָס איז דען שייך זיך

צו הייליגן מער ווי דער כהן גדול, וואָס ער גייט אַריין איינמאָל אַ יאָר אין 'קדשי קדשים'), **נאָר די כוונה דערפון איז, ווייל דער כהן גדול איז אַריינגעגאַנגען יום כיפור נאָר 'בין הבדים' פונעם ארון, אָבער דער איד וואָס לערנט תורה, איז גלייך צו איינעם וואָס 'גייט אַריין' אין דעם ארון ממש.**

## מן הבאר

הגה"ח רבי אלי' ראָטה זצ"ל, דער משמש בקודש פון הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, האָט דערציילט, אַז הרה"ק רבי שלמה'קע האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט צו אים, נישט ווי זיין שטייגער (ווייל ער האָט זיך שטאַרק געהיטן נישט אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט פון גנאי ח"ו אויף אַ צווייטן איד): **עס קומען צו מיר מענטשן וואָס זעען אויס ווי בהמות, ווייל זיי האָבן יענעם טאָג נאָך נישט געלערנט אַ בלאַט גמרא.** דורך לערנען אַ בלאַט גמרא, ווערט דער מענטש אַזוי ווי אַ נייע באַשעפעניש, אין אַ בחינה פון 'פנים חדשות באו לכאן'...

שבת ביי שחרית, זאָגן מיר אין 'קדושה', 'נקדישך ונעריצך **כנועם שיח סוד שרפי קודש**' (און אַנדערע אידן זאָגן, 'נקדש את שמך בעולם כשם שמקדישים אותו בשמי מרום'). דאָס מיינט, אַז מיר טוען הייליגן דעם נאָמען פונעם באַשעפער, 'אַזוי ווי' די מלאכים אין הימל. דאַקעגן, ביי תפילת מוסף, זאָגן מיר 'כתר יתנו לך ה' אלוקינו מלאכים המוני מעלה **עם עמך ישראל** קבוצי מטה', וואָס מיינט, אַז די מלאכים באַקרוינען דעם אויבערשטען כביכול מיט אַ קרוין, 'צוזאַמען' מיט די אידן. דאַרף מען פאַרשטיין, 'מה נשתנה', פאַרוואָס איז אַנדערש דער נוסח ביי מוסף ווי ביי שחרית, כאילו מיר זענען שוין אַזוי הויך דערהויבן געוואָרן, אַז מיר זענען ממש אין דער זעלבער מדריגה ווי די מלאכים, צו געבן דעם אויבערשטען זיין קרוין צוזאַמען מיט די מלאכים?

ענטפערט דער גאון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זצ"ל, אב"ד ירושלים, אַז ביי תפילת שחרית, ווען מ'האָט געהאַלטן **פאַר קריאת התורה**, שטייען מיר נאָך נישט אויף דער זעלבער מדריגה ווי די מלאכים, און מיר קענען נישט הייליגן דעם אויבערשטען'ס נאָמען נאָר **אַזוי ווי** די מלאכים הייליגן אים אין הימל, אָבער ביי מוסף, וואָס איז שוין **נאָך קריאת התורה**, זענען די אידן אַזוי הייליג מיט די קדושה פון די תורה, אַז זיי דערגרייכן שוין צו די מדריגה פון די מלאכים, צו געבן **צוזאַמען מיט זיי** די 'קרוין' פאַר דעם אויבערשטען כביכול...

**כו.** 'עצה טובה קא משמע לן'. **ס'איז כדאי פאַר יעדן איינעם צו נעמען אויף זיך, פון יעצט ביז יום טוב שבועות הבעל"ט, בלי נדר צו האַלטן אַ 'תענית דיבור' כאָטש אין די ערשטע האַלבע שעה פונעם 'סדר'** אין די ישיבה, צו לערנען דעמאָלס אָן אַ הפסק (על דרך צחות קען מען זאָגן פאַר די בחורים פון די ישיבות, זיי זאָלן פרעגן זייער משגיח ווען עס הייבט זיך אָן דער סדר... וד"ל). אויך די וואָס זענען קובע עיתים לתורה (נישט אין די ישיבות און כוללים) **זאָלן בשום אופן נישט מפסיק זיין אין די ערשטע האַלבע שעה פון לערנען**, און אַזוי וועלן זיי אָנקומען צום 'חתונה' - 'ביום חתונתו, זה מתן תורה'... - ווי מכובד'יגע 'מחותנים', בעלי שמחה, און נישט ווי 'ארחי פרחי' ח"ו...

# ואטהר ואתקדש בקדושה של מעלה

צום גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע, איז אַמאָל אָנגעקומען אַ שאלה פון אַ קבוצה תלמידים פון נאָוואַרדאָק, וועלכע זענען ליידער געכאַפּט געוואָרן און פאַרשיקט געוואָרן אין ווייטן סיבירער גלות. אויסער דעם גלות הגוף, איז דאָך געווען אין דעם אַ שרעקליכער גלות פאַר די נשמה, בפרט אַז מ'האָט נישט ערלויבט אַריינצוברענגען קיין ספרי קודש, נאָר מאכלים. האָבן זיי דעריבער אָנגעפרעגט דעם 'חפץ חיים' די שאלה, צי מ'מעג אַרומוויקלען די מאכלים וואָס מ'שיקט זיי, מיט בלעטער גמרא, כדי זיי זאָלן האָבן אין וואָס צו לערנען. האָט דער 'חפץ חיים' געענטפערט: אַוודאי מעג מען אַזוי טוהן, וויל מ'מיינט דאָך נישט חלילה מזלזל צו זיין אין די בלעטער פון די גמרא. אדרבה, דאָס אַלעס שיקט מען דאָך זיי נאָר צוליב זייער חשיבות, און וויבאַלד די אַרעסטאַנטן נויטיגן זיך אַזוי שטאַרק אין די בלעטער גמרא, און דאָס איז דער איינציגער וועג אַריינצושמוגלען די בלעטער גמרא...

דאַן האָבן זיי געשיקט צום 'חפץ חיים' אַ צווייטע שאלה, צי מ'זאָל ענדערש איינפּאַקן די מאכלים אין בלעטער פון אַ גמרא וואָס איז שוין צעריסן, וואָס שטייט שוין סיי-ווי פאַר אַ 'גניזה', אָדער לאו דווקא, נאָר מ'קען זיי שיקן אויך בלעטער גמרא פון אַ נייערן דרוק. האָט דער 'חפץ חיים' געענטפערט, **דווקא נישט...** נאָר מ'זאָל איינפּאַקן דאָס עסן דווקא אין **נייע בלעטער גמרא**, וויל די אַלטע בלעטער האָבן אַ וואונדערליכע און גרויסע קדושה אין זיך, וויל יעדעס מאָל ווען אַ איד לערנט גמרא, באַקומט די גמרא מער קדושה... וועגן דעם איז בעסער צו שיקן בלעטער פון אַ נייע גמרא וואָס האָט נאָך נישט אַזוי פיל קדושה...

לדידן ייאמר, אויב אַ בלאַט גמרא, וואָס איז למעשה אַ 'דומם', באַקומט אַ גרעסערע קדושה דורך דעם וואָס דער מענטש לערנט אין דעם, איז דאָך אַ **קל וחומר, וויפיל קדושה עס באַקומט דער מענטש אַליין וואָס זיצט און לערנט תורה.**

עס ווערט דערציילט (אין ספר 'מה אהבתי תורתך'), אַז ווען דער גאון רבי יחזקאל אַבראַמסקי זצ"ל האָט געוואוינט אין רוסלאַנד, איז ער אַמאָל אַרעסטירט געוואָרן און פאַרשיקט געוואָרן אין דער ווייטער סיביר. דאָרט האָט ער געשריבן זיין געניאַלן ספר 'חזון יחזקאל' אויף 'תוספתא'. ס'איז געווען אַ וואונדערליכע ערשיינונג, וויל דאָרט האָט ער דאָך נישט געהאַט קיין ספרים, נאָר ער האָט אַלעס געשריבן פונעם זכרון, און נישט נאָר דאָס, נאָר אַפילו קיין פּאַפּיר צו שרייבן די חידושים האָט ער דאָרט נישט געהאַט... וואָס האָט הרב אַבראַמסקי געטוהן? ער האָט פאַרקויפט די קליינע פּאָרציע שפּייז וואָס ער האָט באַקומען, פאַר קליינע שטיקלעך פּאַפּיר וואָס די אַנדערע אַרעסטאַנטן האָבן באַקומען

(יעדער אַרעסטאַנט האָט באַקומען קליינע שטיקלעך פּאַפּיר, צו קענען אַריינלייגן דערין טאַבאַק און עס פאַרמירן אלס אַ ציגאַרעטל). אויף די דאָזיגע קליינע פּאַפּירלעך, האָט ער אָנגעשריבן זיין 'חזון יחזקאל'...

נאָכ'ן באַפרייט ווערן בחסדי ה' פון תפיסה, האָט הרב אַבראַמסקי געוואָלט דרוקן די כתבים, אָבער ער האָט דאָך מורא געהאַט עס צו דרוקן אין דער מלכות הרשעה, די קאָמוניסטישע רוסלאַנד, און ער האָט געזוכט אַ וועג אַרויסצושמוגלען די כתבים אויסער די גרעניצן פון לאַנד.

אין אַ טאָג, איז געקומען צו אים אַ פרוי (אַ פלימעניצע פון דעם גאון רבי ברוך בער זצ"ל פון קאַמעניץ), און געבעטן פון אים אַ ברכה אַז זי זאָל נישט געכאַפּט ווערן ביים זיך אַרויסשמוגלען פון רוסלאַנד. האָט הרב אַבראַמסקי פאַרשטאַנען, אַז די פרוי קומט נישט מיט אַ 'שאלה' אויב זי מעג עס טוהן (אַריבערשמוגלען די גרעניץ, וואָס קען זיין אַן ענין פון 'פיקוח נפש'), נאָר זי האָט שוין באַשלאָסן אַזוי צו טוהן, און זי קומט נאָר בעטן פון אים אַ ברכה. האָט ער איר אָנגעוואונטשן זי זאָל אָנקומען בשלום צו דער אַנדערער זייט פון דער גרעניץ, און ער האָט איר געבעטן זי זאָל מיטנעמען מיט זיך די כתבים. עטליכע וואָכן שפּעטער, האָט רבי יחזקאל אַבראַמסקי געהערט אַז זי האָט, בחסדי השי"ת, באַוויזן זיך אַרויסצושמוגלען פון רוסלאַנד, צוזאַמען מיט די כתבים.

צענדליגער יאָרן שפּעטער, ווען הרב אַבראַמסקי זצ"ל האָט שוין געוואוינט אין לאָנדאָן (איידער ער איז אַרויפגעפאָרן וואוינען אין ארץ ישראל) איז אַריינגעקומען צו אים אין הויז אַ פרוי, און געזאָגט אַז זי איז די פרוי וואָס האָט דעמאָלס געראַטעוועט די כתבים פון זיין ספר, און דערביי האָט זי דערציילט די השתלשלות הדברים, ווי אַזוי זי האָט באַוויזן זיך אַרויסצושמוגלען. זי האָט דערציילט:

'מיר האָבן זיך צוזאַמענגענומען - סך הכל, דרייסיג מענטשן. זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז מיר האָבן געדונגען אַ ספּעציעלן 'שמוגלער' וואָס קען אַלע וועגן. איידער מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג, האָב איך אַריינגענייט די צעטלעך פּאַפּיר וואָס איר האָט געשריבן אויף זיי אייערע חידושים, אינעם ערמל פון מיין העמד. ווען מיר זענען אָנגעקומען נאָנט צו די גרעניץ, האָט דער שמוגלער אָנגעהויבן שרייען אַז אַלע זאָלן אַנטלויפן, ווייל ער זעט פונדערווייטענס סאָלדאַטן קומען מיט שמעק-הינט'...

'נישט ווייט פון אונז, זענען געווען אַסאַך הויפענס מיט שטרוי, האָבן מיר אַלע זיך באַהאַלטן אינעם שטרוי. און אָט הער איך ווי אַ הונט דערנענטערט זיך צו מיר, און איך האָב שוין געוואָלט אויסשרייען 'שמע ישראל'... אָבער צו מיין וואונדער, האָט דער הונט בכלל נישט געבילט. ווידער ביי די אַנדערע בינטלעך,

האָבן די הינט געפערליך געבילט, און לײדער, האָט מען טאַקע די אַנדערע אידן פון דער גרופּע געכאַפּט און אומגעברענגט רח"ל, **נאָר איך בין געבליבן לעבן...** פון דאָרט בין איך אַנטלאָפן קיין ליטע און איך האָב זיך געטראָפן אין ווילנא. בין איך אַרײנגעגאַנגען צו דעם גאון רבי חיים עוזר גראָדזענסקי זצ"ל, און אים דערציילט וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט. האָט רבי חיים עוזר מיר געזאָגט: **וואָס פאַרשטייט איר ניט? די הינט זענען געשולט געוואָרן צו שמעקן מענטשן, אָבער זיי קענען נישט שמעקן תורה... איר זענט געראַטעוועט געוואָרן אין זכות פון די כתבים מיט די חידושי תורה פון רבי יחזקאל אבראַמסקי...**

אַז מ'טראַכט אַביסל אַריין אין די מעשה, איז דאָך דאָ אַ גרויסער וואונדער, ווייל כאָטש די הינט שמעקן טאַקע נישט קיין תורה, אָבער זי איז דאָך געווען אַ 'בשר ודם', אַזוי ווי די אַנדערע מענטשן אין דער גרופּע, פאַרוואָס האָבן די הינט נישט געשמעקט איר פלייש... נאָר מוז מען על כרחך זאָגן, אַז די כתבים וואָס רבי יחזקאל האָט מיט מסירות נפש אָנגעשריבן אין טורמע, האָבן געהייליגט איר פלייש, עס זאָל ווערן 'בשר קודש', דאָס מיינט, פלייש וואָס די הינט קענען עס נישט שמעקן...

**איז דאָך אַוודאי און אַוודאי דער וואָס לערנט תורה, ווי הייליג ווערט ער אַליין, ביז זיין קערפּער ווערט אַן אַנדערער סאָרט 'פלייש'... און אַלע 'הינט' און זייערע חיילות (די כוחות הטומאה) האָבן אינגאַנצן נישט קיין שליטה אויף אים. די תורה היט אים און שיצט אים פון אַלע פיילן, פון אַלע 'כלבין דחציפין'. די תורה איז 'נותנת חיים לעושיה'.**